108.3

זיבען

# דינסט מיידכען

ביא דעם וואסער העהר מיט זיבען קריג אום צו נעמען וואסר אויף טייא׳ אונ זיבען ווירטינען אויף איינער הויכצייט אונ דער צו נאך איין עטוואס :

**מאת אמ״ד.**

**ווילנא**

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ג לפ״ק

**ЗИБЕНЪ ДИНСТЪ МЕДХЕНЪ**

т. е. Семь служанокъ

Повѣстъ А. М. Дика.

**ВИЛЬНА.**

Въ типографіи вдовы и братьевъ Роммъ.

На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

**1873.**

1/682787A

1/68278A

1.

אין טיפער גישפרעך וואס איך האב גיהאט מיט
איינער פארנעהמע דאמע וועגן אידעשע דינסט
מיידלאך אונ אידעשע ווירטינען (באלעבאסטעס) ·
וואס באטרעפט דא דיא שטעלע פון איין הקדמה
(פארריידע) · זיא איז העכסט אינטערעסאנט
(וויכטיג) פאר ביידע צדדים · דאס הייסט פאר
דיא ווירטינען אונ פאר דיא דינערשאפט :

פאר איניגע מאנאטען צוריק האב איך מיך וויא צו זאגען פארפירט גישעפטס האלבער אין אהויז פון איין פארנעהמען אידעשין הערין וואס וואוינט אין אונזער שטאדט גאנץ אם גילעגען אונ פירט איין שטילעס לעבען · איך האב אים אבער ניט דערוויסט צו הויז · דען ער איז גראדע אויס גיגאנגען · אונ האב אלווי גיטוס שרווארטען דארט זיין באלדיגען צוריק קומען · דען דיא דינסט האט מיר פארזיכערט דאס ער וועט זיך ניט זאמען · דארט אין דער פערעדני · אונ האב מיך דארט העכסט גילאנגווייליט · אונ לאנגווייליע איז איינע פון דיא גרעסטע פלאגען · אויס לאנגווייליע שפילט מען אין קארטען אונ מען ווערט אן קאפיטאלין · אויס לאנגווייליע פרעסט מען זיך איבער אונ מען ווערט קראנק · אויס לאנגווייליע מאכט מען זייער אפט פאר שווערונגען (רעוואלוציאנען) אין לענדער · אויס לאנגווייליע ערמארדעט זיך דער איינגלענדער · נאך מעהר אויס לאנגווייליע האט מען אויך חתונה · דאהער קיין וואונדער מיינע טייערע לעזער דאס איך אויס לאנגווייליע האב גינומען דארט לעזען

אידעשן

Дозволено цензурою 21 Апрѣля 1873 г. Вильна.

צאידעשין ביכעל וואש איך האב דארט דערוויסט ליגענדיג אויף אגייא טישעל · ער וואר גישריבען אין זארגאן (אידעש טייץ) אונ זיין טיטעל וואר דיא דינסט מיידיל · אונ צום אומגליק וואר איך זעלבסט נאך זיין פארפאסער · נון קענסט דוא דיך שוין נינג פארשטעלין וואש פאר איין לאנגעווילע איך האב גיהאט פון דעם לעזין · נור אבער שוין איין מאל גיזאגט וואש טוט מען גיט אויס לאנגעווילע : אט אזוי איבער גייט עש מיט אונז עלינדע מענשין אויף גאטעס וועלט · מיר בייטען איין דאגה אויף דיא אנדערע דאגה אונ גיבען נאך איין צו גאב דערצו · מיר בייטען איין אבערגלויבין אויף איין אנדער אבערגלויבין וואש איז פיל קאמטשפיליגער אונ שעדליכער אלס דער ערשטער · אונ בייטען אום איין קלענערע לאנגעווילע אויף איין גרעשערע · נור לאם איך מיך נים צו וויים פארלויפין פון מיין ציל :

איך האב עש אבער גילעזין נור אויש דעם גרונד ווייל זאנסט וואלט איך משוגע (אויסעגיינען) געווארין טראכטענדיג וואש פאר אשטעלונג זאל איך דארט אן נעמען · דארט אין אזוי אהויז וואש מען לעבט דארט נאך דעם שולחן ערוך פון דער נייע מאדע ווערט · מען דארף אלזוי וויסען (ווען מען וויל נים זיין אויס געלאכט) וויא צו שטיין · וויא צו גיין · וויא דעם קאפ צו האלטין וויא אין דער וועלט אריין צו קוקין וויא דיא נאזע אנצושטעלין · ווער דעם שוין וויא פאר איין דאמע *) צו דריינגען

וויא

*) מיט איניגע יאר צוריק בין איך גענאנגען שפאצירין מיט איין יונגין מאן וואש לעבט גאנץ נאך דעם שולחן ערוך פון דער נייע מאדע · ער וואר איין אויס גימאכטער מאפא (איין דאמען באגלייטער) איין גרויסער צערעמאניען הימער · אונ איך האב אלזוי גיהאט איין גוטע גילעגינהייט עש צו זעהען · דען צלם מיר האבין באגעגינט איין דאמע וואש וואר נאך עלטער אלס איין ענדיק וואש האט שוין אויש גיהערט אקדמות · האט



וויא צו שפרעכין · וויא איין לעפיל אין גאפיל צו האלטין אונ וויא צוא עסין (ווען מען איין מאל וואש אומגליק האט איינגעלארין צוא ווערין) אונ נאך מעהר ווען אויפצוהערין · דאש איז אלין קיין לייכטעס לערנען · ווען איך אבער לעזע · בין איך דאן פרייא פון אלע חומרות וואש דיא נייע וועלט האט אויף זיך מקבל גיוועזן · וויא אונזערע חכמים זאגין (כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול דרך ארץ) אונ פאר אונזער נייע וועלט הייסט דורך צו לעזין איין אידעשע געשיכטע וויא דיא דינסט מיידיל אויך איין קבלת עול תורה · אונ האב אלזוי נים גידארפט היטען שוין דיא נייע עטיקעטע וואש מען רופט עש דרך ארץ :

אונ ביי אלעם דעם האב איך אויף מיר מחמיר גיוועזן · איך בין אויף גישטאנען אלט דיא הויז דאמע דאש הייסט דיא מאדאם זעלבסט איז אריין אין דעם פארציממער אונ איז צו גיגאנגען צוא דעם נייא טישעל · אונ האב איר נאך דערצוא גערישט מיט איין קליינע פארנייגונג · וויא דיא ווארהייט צוא זאגין האט זיא פארדינט ביי מיר דעם נאמען דאמע אין פולען מאס זעלבסט ביי דעם ערשטין אנבליק מיינעם · דען לבד דעם וואש זיא איז זייער היפש · רונד אונ שלאנק (גראדע געוואקסין) וואר דאש גיזיכט פול מיט אויסדרוק אונ ליעבליכקייט אונ פון איהרע פייערדיגע אויגען קוקט ארויש איין הערצליכע קלוגע זייל וואש פארשפריכט צו לעזין דאש הארץ פון יעדער פערזון מיט וועלכע זיא נור צוא טאן האט · איהרע קליידונג וואר

צוואר

ער זיך אנידער גישטעלט פאר איר וויא אמאלדאס פאר איין אפיציר אונ האט גימאכט פאר איר פיל כריעות (קניע ביינונג) אונ פיל השתחויות (פארנייגונגען) וואש מען רופט עש פוס קראצין «אלזוי מיין בעקאנטער» האב איך מיך אם נערופין יעדער גלייכער שוין שמונה עשרה צו שטיין · דען דיזעס איז פיל לייכטער · אונ פליכט אויך גישינער:

צוואר גאנץ שליכט (פון פראסטין צייג) דאך אבער פון
אריסטאקראטישען גישמאק · זיא האט מיך גיעהרט צוריק מיט
איין קליינעם קאפ גינייגען · אונ האט מיך באלד ווארויף גיפרעגט
ווער איך בין אונ וואש ברויך איך · איך האב איר גיזאגט מיין
נאמען ; אונ דאש איך ברויך צו איר מאן „אזוי !“ האט זיא זיך
אפגערופין צו מיר „פרייעט מיך דאש איך האב איין גילעגענהייט
אייך פערזינליך צו קענען · איך מוז אייך זאגין דיא וואהרהייט ·
דאש איך בין אגרויסע פריינדין פון אייערע קליינע פערפאסונגען ·
זייא זייען זייער צייט געמעס אונ טרעפענד · איך האב מיך
איבער דיזע געשיכטעל וואש איר האט דא דערוויסט ליגענדיג
אויף דעם טישעל אטווירט זייער שטארק · איך האב איר שוין
כמה וכמה מאל דורך גילעזין · אונ האלט איר שטענדיג ביא
דער האנד וויא איין האנד ווערטער בוך · אום פאר צו לעזין פון
איר פאר מיינע דינסטען · אונ אזוי גיפעלין מיר אלע אייערע
וואש איך נור גילעזין האב · אונ האב קיין לאנג ווייל ניט אין
איינציגע פארשפירט · יעדערע באזונדער האט אגוטין ציל אונ
שפרעכט פון הערצין צום הערצין · אלזוי ביטע איך דאש זייא
זאלין מיין מאן ערווארטען אין דעם צווייטין ציטער · קומען זייא
אריין · אונ מיר וועלין ביז זיין קומען אונז אינטער האלטין ·
דען איך טרויע אייך צו דאש איר אלס איין עכטער אידעשער
פאלקס שרייבער וועט איר מיר קענען לעזין (ערקלערין) מאנכע
פראגען וואש זייען מיר פון מיין האכצייט אן דאש הייסט זינד
איך בין ווירטין געווארין · נאך אונבעאנטווארטעט · אונ דיזע
פראגען זייען נור בעציגליך (שייך) אויף אונזער אידעשע נאציאן
דען פון איין זייט שיינט זיא מיר וויא איין גוטער איינגעל
גאטעס · דען וויא אונטער אונז גיזאגט זייען אידען מיט אגוטין
קאפ מיט אגוטעם הערץ ; זייא זייען גרוישע חכמים · אונ גרוישע
בעלי צדקות · גרוישע בעלי דרך ארץ · זייען קיין זויפער · קיין
פרעסער · אויך ניט אוים גילאסין · זייערע פרויען זייען העכסט

קיים



קיים (צנועות) · אונ פון דעם אנדערין זייט זייען זייא זאל מיר
גאט ניט שטראפין פאר מיינע רייד גאר דער הפך וואהרע
שאטאנעס פערהאסין דיא ארדענונג · גיבען זייערע קינדער קיין
ערציהונג · לעבין שמוציג · זייען העכסט אפגילאזין · קימערין
זיך גאנץ ווייניג אום זייער ארעמין אונ עלענדין שטאנד · דערצו
נאך בעזיצען זייא איין איינגעבילדעטין שטאלץ · דאש אין ספק
הכל זעהען זייא אויס בכלל עפעס וויא גיפאלענע גבירים · דאש
עס שטיים קיינעם ניט אן וועלבסט דעם גרעסטין אביון דאש ער
זאל אוועק געבין אקינד צו איין האנד ווערקער · פשיטא שוין
ניט דינגען מיר באקוסטען עס נור פון יחוסים אונ פון יחוסות וואש
האבין שוין ניט וואו אקאפ אנידער צו לייגען · אונ אויך דיזע
שאצען זיך פאר העכסט אומגליקליך דאש זייא זייען אנגעקומען
דערצו · אונ דאהער ווינד אונ וויא דער ווירטשאפט וואו זייא
דינגען · איך זאג אייך דיא וואהרהייט דאם איך האב שוין קיין
ברוסט פון זייא · אונ וואש איך בין וויא מיר שיינט איינע פון
דיא בעסטע ווירטינען · דען נאך האב איך מיינע דינסטען ניט
גישלאגין · ניט גישאלטין · ניט געווירעלט נור גילערינט · אונ
דאך קענען זייא ביי מיר קיין יאר אוים דויערין · אונ דאש
נעלבע באקלאגין זיך אויך דיא האנד ווערקער איף זייערע
צעלארניקעס · אלזוי מוז איך געשטייהען (מודה זיין) צו אונזער
שאנדע דאש עס איז ליידער צו וואהר וואש איין געווישער
היסטאריקער (געשיכט שרייבער) דריקט זיך אוים אין זיינער
געשיכטע איבער דיא יודען · דיא יודען שטייען מיט איהרעם
הויפט אין הימעל · אונ מיט איהרע פערזען (פיאטעס) אין דער
העלע (אונטערוועלט אדער גיהנם) · אונ וויא דער אלטער שפריך
ווארט זאגט דאש יעדער דארום האט זיין ווארום · מוז דא פאר
געווים ביי דיזער נאציאן עפעס וואש אויך צו גרונד ליגען ·
דאש וויא צו זאגין זייא מיידין אוים דעם גראדען לעבענס גאנג
וויא איינער מיידעט אויש דעם פאצטאווען גאסענעם אום דורך

אומוועגין

אומוועגין צו קומען ניבער צו דעם ציל פון זיין רייזע אונ גראדע דורך דעם פארפעלט ער אים גאר אין גאנצען · אונ נאך מעהר פאר אלץ פארדריסט מיך וואש אונזערע אידעשע פרויען זייען סאחרייקעס · דיזעס מאכט אונז זייער נידעריג בייא אלע אנדערע נאציאנען · וויא קומט דיזעס צו אונז אידען וואש דיזע לויפט גראדע געגען דיא פרינציפען (יסודות) פון אונזער רעליגיאן אונ אנטקעגין דיא פריציפען פון דער אלגעמיינער מאראל (מוסר) פון וואוהער (פון וואנען) האט זיך דיזע אונזיטע (מדה רעה) איינגעשליכען אין אונזער נאציאן · אונ גראדע דיזע אונזיטע צערנאגט (צו פרעסט) אונזער נאציאן וויא מאל איין וואלענעם קלייר · דען דורך דעם הערט שוין אויף קינדער ערציהונג · עס בלייבין דיא קינדער אן עלטערין צו הויז · אונ אזוי שלעפט איין איבעל (פערדארבענהייט) דעם אנדערין איבעל · אלזוי מיין בעסטער ווען זייא מיינען ווירקליך גוט מיט אונזער ארעמע נאציאן שרייבט נעגין דעם · דאש וועט זייא זיין פיל נצליכער אלם אלע אנדערע ספרים וואש מאכין דיא אלטע מאדעשע אונ דיא נייע מאדעשע · דען מיר האבין שוין גענוג פרומע ספרים אונ גענוג מליצי ספרים · מיר ברויכין נור קריטיקעס געשריבען אין זארגאן וואש עס זאלין קענען לעזין דער המון עם אונ קריטיק רייניגט דיא זיטען פיל בעסער אלס אלע מוסר ספרים אין דער וועלט · איך מיין דאש איך קומט גאר דיא עולם הבא פאר דער דינסט מיידעל אליין · איך זעלבסט וואר געריהרט פון איר פשיטא דאש עש ווערט געריהרט דערפון מאנכע דינסט מיידכען · איך זעלבסט פארשפירע עש אן מיינע איינענע דינסטען · דאך אבער איז מען מיט אזוי איינע נאך גיט יוצא · עש מוז נאך מעהרער עש דאריבער געשריבען ווערין :

•יא דאש איז געוויס · האב איך איר געענטפערט · דאש עש איז נאך גאנץ ווייניג געשאן דערפאר · דען דיא דינסט מיידעל איז געשריבען נור איין זייטיג דאש הייסט וואש דיא

שולריקיים



שולדיקיים איז פון איינער דינסט געגען איהרע ווירטשאפט אבער ניט דיא שולדיקייטין פון דער ווירטשאפט געגען איהרע דינער שאפט · דען וויא עש איז איין שווערעס לערנען וויא צוא געהארכען אזוי איז נאך איין פיל שווערער למוד אום צו וויסען וויא צו געביטען · אונ ליידער האבין אונזערע אידען דא אין רוסלאנד עש ביידעס ניט גילערינט · איך האב עש אבער געזאן ניט אויש פערזעהען · ניין נור אויש געצוואונגענהייט ווייל דער רוים (פלאץ) פון דיזעם קליינעם ביכעל האט מיר ניט ערלויבט אום צו בעארבעטן דיזען ענין גאנץ רונד אונ דיזען פעהלער איז צו געפינען כמעט אין אלע מיינע געשיכטען · דיא אורזאך פון זייער קליין זיין זייען נור דיא לעזער אונ דיא לעזערינען וואש ווילען מעהר ניט וויא פינף זעקס קאפיקען צאהלען פאר איין געשיכטעל · אונ דאש מעהר לייזען נאך איינע פון דיא אנדערע · אדער מען נעמט עש אויף ניצנגעלט · דאש עש לוינט שוין ניט באלד דיא מיהע גאר עש צו דרוקען °) אונ וויא דיא ווארהייט צו זאגען דאש דיזער וועלט דרוק פון דיא געשוויסטער (משפחת) ראם בעפאסט זיך (פאר געמט זיך) דער מים פיהל מעהר אויש ליבע צוא זייער נאציאן אלם אויש פעקונערען (געלד) אויסוויכט · דען עש ליגט אין דיזעם קליינעם צווייג איין גרוישער קאפיטאל וואש ער וואלט פיל בעשערע פרוכט געטראגין ווען ער וואלט

אנגיוועגרעס

°) דאש איז איינע אויסגעמאכטע זאך דאש עש איז קיין פארגעניגען צו פארגלייכין צו דעם פארגעניגען צו לעזין וואש שיינעס · אונ דאך וויל מען קיין בוך קויפין נור דארום · ווייל ער האט איין פארצוג (יתרון) איבער אלע אנדערע פארגעניגען וואש ווערין פאר ניכטעט (כלה ונאבד) מיט דעם גענוס צו זאטען להשל דער ווין ווערט כלה מיט דעם פארגעניגען פון דעם טרינקען צו זאטען · אונ דער ספר אדער דער בוך בלייבט נאך דעם פארגעניגען פון לעזין :

אנגעווענדעט געווארין אויף איין אנדער צווייג פון דער דרוקערייא · נון צור זאכען מאראמע · ווען זייא האבין שוין איין מאל איין צו טרויען צו מיר געפאסט דאש איך בין אין שטאנד צו געבין איינע בעפרידיגענדע אנטווארט אויף אלע פראגען וואש זייא האבין דא מיר געבראכט · וועל איך מיר שוין דיא מיהע נעמען איהרען וואונש פיל ווייניג צו בעפרידיגען :

איך געשטעהע (מודה) אייך דאש זייא האבין זייער גוט אנגימערקט דאש דער יודע האט ניט אזוי קיין זאך וויא ער האט דיא ארדענונג · אונ וואו ארדענונג פעהלט · פעהלט שוין אלץ · אזוי וויא אין איינער איינצעלנער ווירטשאפט אזוי וויא אין איינער גאנצען נאציאן · אונ דאהער דער אלטער שפריך ווארט ״ווער עש לעבט אן ארעכענונג שטארבט אן ווידוי״ דיזער פעלער אבער ליגט מעהר אין דעם בלוט (נאטור) אלס אין דער ערציהונג אדער אין אויסערע (זייטיגע) אומשטענדע · שוין זעלבסט אין דער גמרא איז אנגעמערקט געווארין דיזער פעלער · דען נאך דעם געהעריגען ארדענונג דארף מען פריהער אויס הערין וואש איינער פארלאנגט · אונ דער נאך ערשט פאסט צו זאגען ״איך וועל עש טאן״ · אונ מיר אידען האבען געזאגט ביים קבלת התורה פריהער נעשה (מיר וועלין טאן) אונ דער נאך ערשט נשמע (מיר וועלין הערין) · אונ מען רופט זייא דער פאר עמא פזיזא (איבער איילטעם פאלק) · אונ ווען מען זאל רעכט באמערקין דיא חקי התורה מיט אלע מצות האבין אלע אין זיך דיא סגולה צו מאכין אונז געדולדיגער אונ זאכטער וואש דאש איז דיא גרונד לאגע פון דער ארדענונג · אזוי איז עש ארויש צו זעהען פון דער מצוה שבת וויא דער פסוק זאגט אליין (למען ינוח שורך כו׳) פון דער מצוה שמיטה · ערלה · יובל · שלוח הקן · נדה · אונ אזוי נאך אנדערע · אונ וויא איך מיין דאש זייא זייען אין דער ביבעל זייער גוט בעוואנדערט וועלין זייא שוין פארשטיין פון זעלבסט · אונ ווייטער וואש עש איז נוגע

צוא



צו קינדער ערציהונג אונ צום שמוציגען לעבין · אונ צו דיא גרויסע ארמוט וואש הערשט אונטער אידען · פוטען (גרינדען) זיך אלע דיזען איבעל · אויף דעם לעצטען איבעל וואש זייא האבען דערמאנט · דאש הייסט אויף דעם וואש דיא פרויען זייען סאתריקעס · זייען ניט הייטיגע · אלזוי איז קיין מוטער אונ קיין ווירטין צו הויז °) · אונ דאש וואש זייא האבין מיך געפרעגט וויא אזוי האט זיך דיזער איבעל איינגעשליכען (פאר קראכען) אונטער אונז אידען · האב איך שוין דאריבער געזאג געשפראכין אין דער ערציהלונג וואש הייסט דיא יודען אין ליטע אונ וויא איז אזוי טרעפענד (ריכטיג געשפראכין) דאש מען האט איר געווירדיגט איבער צו זעצין אין פוילישע אין דעם קאלענדער (1871) · אלזוי מאראם קויפען זייא עש פאר פינף זעקס קאפייקען וועלין זייא שוין דער וויסען דיא וואהרע אורזאך דערפון · נון בלייבט אונז איבעריג צו בעשפרעכין זיך איבער דיא הויפט פראגע דאש הייסט איבער אונזער בעטלער שטאנד · אונ דאש דאהער דיא שלעכטיקייט פון אונזערע דינער שאפט :

דיא וואהרע אורזאך דערפון · ערשטענס וויל אונזער אידעשער שטאנד איז העכסט אונשטאנדהאפט · באלד איז מען רייך · באלד איז מען ארעם · גאנץ זעלטען דאש איינער זאל דורך לעבין זיין לעבין אין איינעם שטאנד · אונ פשיטא שוין דאש זיינע קינדער זאלין בלייבין נאך אים אין גוטען שטאנד · בפרט נאך ווען עש טרעפט דאש מען לאזט נאך זיך קינדער פון צווייא ערלייא אדער דרייערלייא ווייבער · אלזוי איז ניט דא איינער אונטער אונז · זעלבסט וואש גייט איבער דיא הייזער וואש זאל ניט האבין צו דער ציילין פון בעססערע צייטען · אדער פון איינעם פאטער אדער עלטער פאטער וואש וואר א גרויסער כותר ·

אגרוישער

°) אונ דורך זייער מאהערין פירען זייא איבער אין גאנצען דעם געשעפט · אונ דאהער איז די גרויסע ארכובה אונטער אונז :

אגרוישער בעל נחלה וואש האט אמאל געשפילט אגרוישע ראלע אין זיין שטאדט · אדער אין דער אירעשער וועלט · צווייטענס ווערט מען ביא אונז אידען פיל לייכטער געאדעלט (דאש הייסט מען באקוממט שלאכעצטווא) אלס ביא דען קריסטען · ביא זייא מוז מען פארהער דינגען אין מיליטער (וואיענע סלוזבע) אדער אין ציווילדינסט · אונ ביא אונז ווערט מען געאדעלט (ווערט מען אשלאכציג)· דורך דעם קענען לערנען אפרק משניות דורך אנבאי ווערין · אדער גלאט אין כלי קודש זיין · דאש ער אונ זיין קינד האבין שוין גינוג אורזאך אויף וואש שטאלץ צו זיין · דיא למדות שפילט אזוי אגרויסע ראלע ביא אונז אידען דאש אונזערע חכמים אכטען איינעם למדן נאך העכער פאר איינעם קיניג · דען זייא זאגען אין מדרש פרשה ויגש צייד (כל מי שמעמיד פניו במלך כאלו העמיד פניו כתלמיד חכם) דאש הייסט ווער עש איז דערווידער איין קיניג איז גלייך וויא ער וואלט דערווידער גיווען איין למדן · אונ לומדים האבין מיר אונטער אונז זייער פיל אונ דערצו נאך זייען זייא גראדע דיא ארעמסטע · אלזוי זייען מיר אלע ווירקליך נור געפאלענע נגידים אונ דיא גמרא זאגט נאך מעהר פאר דיזעם · וויא זאגט (כל ישראל בני מלכים הם) · אלע יודען זייען נור פרינצען · אלזוי דאראם איז צו פיל פארלאנגט צו מאכען פון פרינצען נידעריגע דינער אונ דינסטען :

דריטענס טארען מיר אידען על פי דין ניט בעגיין זיך מיט אונזערע דינערשאפט · וויא עש באגייט זיך מיט איהרע דינערשאפט איינע אנדער נאציאן · דען על פי דין תורה טארען מיר ניט אונזערע דינערשאפט אפ טיילין פון דעם ווירטשאפטליכען טיש · דער הער טאר ניט עסין אליין דינעם ברויט אונ דעם דינער געבין גראבעם ברויט · ער טאר אויף אים קיין האנד אויף הייבין · ניט שילטען · ניט זידלען · אונ ניט טאן מיט אים אדער מיט דער דינסט קיין שווערע ארבעט אדער איין אונגייטיגע

ארבעט



ארבעט · אויך קיין בזיוהדיגע ארבעט · למשל נאך טראגען אים אראסקע אין באד · אונ נעמען עש ארויש פון דעם פסוק (לא תעבוד בו עבודת עבד) דוא זאלשט מיט אים ניט ארבעטין וויא מיט איין פאראגע :

אזוי וואר דיא גיזעצע אלס מיר ווארין נאך אין אונזער לאנד וואש מיר האבין אונטער אונז געהאט דאן נאך פארשיידענע שטאנדע · אדעל · בירגער אונ בויער · פשטא שוין איצונד דאש מיר זייען שוין גיווארין אלע איין שטאנד · וויא אונזערע חכמים דרשנען אויף דעם פסוק אין מדרש איכה (כי נשבה עדר ה׳) דאש ווייא מיר זייען נור גיווארין גיפאנגען אין גלות׳ איז גיווארין פון דיא פארשיידענע הערדען נור איין הערדע (שטאדע) דאש הייסט פון פארשיידענע שטאנדען נור איין שטאנד · אונ עש וואר שוין דאן אזוי שווער אויש צו קומען גיוועזן מיט אידעשע דינערשאפט דאש אונזערע חכמים האבין אליין גיזאגט (כל הקונה עבד עברי קונה אדון לעצמו) דער וואש קויפט איין אידעשין קנעכט · קויפט זיך איין הערין · אונ פשיטא שוין ווען מען אים נור דינגט · אונ ביא אלעם דעם איז דיא שולד פון דער אונצופרידענהייט פון דיא אידעשע ווירטינען מיט דיא אידעשע דינסטען · מעהר פון דער ווירטשאפטליכע זייט אלס פון דער דינערשאפטליכע זייט · דען דאש רוב אונ כמעט אלע בעלבאסטעס פארשטייען גאר ניט פון דער ווירטשאפט · אונ וואש מען פארשטייט ניט זעלבסט קען מען שוין אין דעם ניט טייטערן איינעם אנדערין · צווייטענס מאכען זייא זיך זייער פארהאקט ביא זייא מיט זייערע אפענע מיילער · דען עש ווערין דיא דינסטען פון זייא געווערעלט · געשאלטין · אונ געבייזערט · גראדע אומגיקערט וויא עש שטייט אין משלי (ותורת חסד על לשונה) אונ איינע זאנפטע לעהרע איז אויף איר צונג · דאש הייסט איין וואהרע אשת חיל בעלעהרט מיט גוטען איהרע דינערין · אונ וויא מיר ווייסען איז שוין דיא דינערשאפט שוין

אזוי

אזוי איך געניינט צו האסען זייערע הערשאפט וויא דיא חכמים
זאגין אויף דעם פסוק (ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים
אתו) ווען נור צו גאט איז ווילליג (געפעלט) דער וואנדעל פון איין
מענשען דאן שליסען מיט אים פרידען אויך זיינע פיינד · איז עס
געמיינט זיינע דינערשאפט · אזוי בעהיט גאט ווען דיא לייט
באקוממען נאך איין אגלאם (אידוואך) דורצו · דאס הייסט ווען
זייא ווערין באליידיגט פון איהרע ווירטשאפט · איך זעלבער האב
גיזעהען ווירטינען וואס לעבין מיט זייערע דינסטען אין איינעם
שטענדיגען צאנק · אונ עס מאכט זיך ניט צו זייער מוגר אום צו
שילטען זייא אונ זייער בלוט צו צאפין · אויך ווערין דיא דינסטין
לבד דעם זייער שלעכט בעהאנדעלט פון זייא · האבין קיין גוטין
ארט צו שלאפין · האבין קיין בעטגעוואנט · קיין דעקע זיך צו
צו דעקין · ווערין ניט געשוינט אין קיין וועטער · מען טרייבט אין
רעגער וועטער · אין פראסט אונ מאטעניצעס · אונ ערשטער ווייס
ניט מען נאך אויך גאנץ שמאלע ביסען · אונ גאנץ
מאגערע קאסט :

דריטענס ווען מען וויל צו פרידען זיין פון ארינסט מוז
מען זעלבסט נעמען אנטייל אין דער ווירטשאפט · אונ ערשט דאן
האט מען דאס רעכט אן צו רופין זיך מיט דעם עהרין נאמען
ווירטין · אונזערע חכמים ווינקען עס אונז אן אין מדרש
(במדבר ג') דאס אלעזר אהרונס זון וואס וואר נור איבער דיא
לוים וואס זיינען ארויש געקומען פון קהת ווערט יא אנגערופען
מיט דעם טיטול נשיא נור דארום דאס ער האט אויך איינינע
זאכען פון משכן געטראגין וויא דיא פראסטע קהתים · ניט אזוי
אבער דער אנדערער זון אהרונס איתמר אויב וואויל ער וואר דאך
איבער צוויא משפחות לוים · איבער דיא וואס זייען ארויש
געקומען פון גרשון אונ פון מררי ווייל ער זעלבסט האט ניט מיט
געטראגען ווערט ער שוין ניט אנגערופין נשיא · נאך דייטליכער
אונ שארפער דריקען זייא זיך אויס איבער דיזען ענין אין פרשת





תולדות אויף דעם פסוק «ועבודה רבה» (אם אין אדם עושה עצמו
כמו עבד לעבדו אינו קונה אותו) דאס הייסט קיין הער קען
אנדערש ניט באקומען זיין קנעכט פאר זיינעם אפריינט וואו ער
זאל זיך אים ניט צייגען אין מאנכע זאכען דאס ער (דער הער)
איז בייא אים אדינער · דאס זעלבינע געפינען מיר אויך בייא
דעם פרעה מלך מצרים אלס ער האט געוואלט מאכען פון דיא
ישראל פלייסיגע ארבייטער האט ער דעם ערשטין טאג זעלבסט
מיט זייא גיארבעט :

אונ אזוי געפינען מיר באשריבען אין אשת חיל פון שלמה
המלך דאס זיא זעלבסט שפינט אונ וועבט · אונ איר אויג
שאלטעט אונ וואלטעט איבער דיא גאנצע ווירטשאפט אונ שטייט
אויף בייא צייטען (ותקם בעוד לילה) ניט וויא אונזערע דאמען
וואס שלאפין אוועק אמטיג אויף דעם טאג אונ שטעלין זיך צו
זאמען ערשט ארום איינם דעם זייגער (קלייבען זיך צו) · קורץ
דערפון איין ווירטין געהערט צו געבין מיט זיך אליין איין גוטין
בייא שפיל פאר איהרע דינערשאפט · אונ זעלבסט אכטונג געבין
אויף יעדער זאך · דאס עס זאל ניט בלייבין איין מינדעסטע
גילעגינהייט צו נאסען · צו שטילין · אדער וואס אין גיעווין
צו ברייגען · דען דער שפארביוארט וואנט גילעגינהייט מאכט
דיבע · אונ קען כוז איבער בריא בלייבין דעם זאץ «בברתו
ותחרהו» מען גיהערט יעדען מענשין צו עהרין אבער דאך קנאפין
צו טרויען צו האבין צו אים :

אלזוי איז אונזערע דאמען צו באוואנדערין וויא איינווייטינג
זייא קוקין ארויין אין גאטעס וועלט זייא ווילען דאס אונזערע
אידעשע דינסטען זאלין זיך אויס גלייכען מיט דיא קריסטליכע
דינסטען · אונ זייא ארויין ווילען זיך ניט אויס גלייכען צו דיא
קריסטליכע ווירטינען · דאס זייא אליין גייען מיט זייערע דינסטין
אלעס איינצוקויפען אונ היטען אין דערמיט דרייא זאכין
ערשטינס דאס דיא דינסט זאל ניט קויפין וואס שלעכטעס ·

צווייטינס · דאש זיא זאל ניט איבער צאלין אדער ניט מעלים זיין פון מחה · דריטענס דאש דיא דינסט זאל דער ווייליע זיך ניט פארשמוצען · אדער אויש טאנצין זיך דערווייליע ערגעץ וואו אויף אחתונה פארבייא נייענגירינג · אדער מיט אשדכן דערווייל זיך ניט פארדרייען :

אונזערע דאמען אבער גלייכען זיך אין דיזער זאך צו איין גרעפין · דען נאך איז ניט גיגאנגען איין גרעפין מיט איר דינסט אין יאטקע אדער אויף דעם מארק · אלזוי האבין אונזערע דינסטען דאש רעכט צו גלייכין זיך צו איין באלעבאסטעשע טאכטער· אונ דאש גלייכין :

אונ לבר אלע דיזע פעלערין אונ אורזאכען דורך וואש אונזערע דינסטען זייען פארדארבין · האב איך נאך איינס אויש צו זעצין · דאש נאך האב איך ניט גיזעהען דאש אידישע דינסט מיידעל זאל האבין אפילו איין קליינעם בעגריף פון איהר רעליגיאן · זיא דאווינט ניט · בעזוכט קיין שול · אונ ווייש ניט פון נאטעם פורכט · פון קיין מדה טובה אונ ווייש ניט וואש רעכט אונ אומרעכט איז · זיא ווייש מער ניט וויא פון שופר בלאזין וואש זיא הערט הינטער דיא שול אונ וואש זיא ניפט (נעמט צו דיא ליפען) דיא פיר כוסות בייא דעם סדר °) ניט אזוי אבער איז דער פאל בייא דיא קריסטען · יעדע דינסט מוז גיין אלע זונטאג אין קירכע · הערט איין פרעדיגט (דרשה) אונ ווערט אלזוי ערצויט אויף דערווייליע (פרום) ווייניגסטענס · אלזו וואש קען מען שוין געוויסענהאפטעס פון אזוי איין פארלאנגען · עש איז פאר זייער ווילען הייל (ווילען גליק) גאר ניט געזארגט בייא אונזער נאציאן גראדע וואש מיר לעבין אונ שטארבין פאר



°) איך וואר דערבייא וויא אדינסט אידענע וואש וואר בייא מיינע עלטערין האט גיזאגט אלם זיא האט גענופט דעם ערשטין כוס · „דאש איז אביסעל וואונדער אונ גוט גיטוע„ :



אונזער רעליגיאן · לויט יושר האבין זייא נידארפט אלע שבת באזוכין אשול אונ הערין אקורצען פרעדיגט פון אמגיד וואש זאל אין זיך כולל זיין נאטעם פורכט אונ וויא מען געהערט זיך אויף צו פירען מיט זיך אליין אונ מיט דער הערשאפט · ווייניגסטענס האטטע עש נידארפט טאן יעדע ווירטין אליין אלע שבת פאר צו לייענען דיא סדרה אדער אמייצעשען מוסר ספר · דאש וואלט פאר געוויש זייער פיל בייא געטראגען צו זייער מאראלישן לעבען דיזע זאכע איז איינגעפירט בייא דיא איינגלענדער · אונ עש איז צו ווינצען דאש מיר זאלין עש נאך טאן · אזוי ווייט איז מיינע מיינונגען אין קורצען געשפראכין איבער דיא איינציגע פראגען וואש זייא האבין מיר געפראגט · אונ ביותר ווענן דיא אונצופרידענהייט וואש אונזערע ווירטינען זייען פון אונזערע אידישע דינסטען :

„איך מוז איך ניט ווילענדיג געשטיהען (מודה זיין), האט זיא זיך אם גערופין „דאש עש ליגט פיל ווארהייטען אין אייערע רייד · אונ דאש איך בין וויא צו זאגען גוט בעאנטווארטעט געווארין פון איך אויף אלע מיינע פראגען · נאטירליכע (גוט געשעקט) ווענן אונזערע דינסטען · בייא אלעם דעם אבער ליגט דאש אומרעכט פיל נעהענטער געריקט צו דער דינסטען זייט · אלס צו דער זייט פון דיא ווירטינען · דען מיר האבען פון זייא גיבראנטע ליידען · איר קענט עש גאר ניט ווישען" · יא מאדאם„ האב איך געענטפערט „איך ווייש ליידער צו פיל · אונ דיא זעלביגע אנטווארט האט באקומען בייא מיר איין דינסט מיידכען וואש האט זיך זייער שטארק באקלאגט איבער דיא אידישע ווירטינען · דאש איך ווייש ניט וואש אידישע דינסטען ליידען אויש פון זייערע ווירטינען · אונ דיא בייזע זייטיגע קלאגע האט מיך פעראנלאסט (געבראכט דער צו) דאש איך זאל מאכען אקליין טעאטערל · אין צוויי אקטען · אונטער דעם טיטול „דיא זיבען דינסט מיידכען בייא דעם וואסער בעתה ; אונ זיבען ווירטינען

אויף איין הויכצייט. וואש אין אים קומט פאר אלע תביעות אונ טענות · וואש איין צד האט צו דעם אנדערן · אונ דורך דעם קומט שוין ארויש גאנץ בולט (דייטליך) יעדער פעלער פון יעדען צד · ער איז נאך אין מאנאשקריפט (געשריבען נור) אונ מען וועט עש באלד דרוקען · נור ערלויבען זייא מיר דאש איך זאל דיזען גישפרעך אונזערין אויך אפ דרוקען איך וועל אייער נאמען ניט דערמאנען דערבייא איך גלויב דאש ער וועט אויך פון גרויש נוצען זיין פאר ביידע צדדים · דען וואש עש קומט פאר אין אגישפרעך · קען מען זייער אפט ניט אנברייגען אין אפארשטעלונג פון א טעאטער. אונ דאש איז אייך הערבסט ערלויבט. האט זיא מיר גיענטפערט, נור פארגעסט ניט מיר אריין צו שיקען דעם ערשטין עקזעמפלאר (ווערקיל) וואש עש וועט ווערין אפ געדרוקט דער פון · דען איר מענט מיר גלויבען דאש איך בין אגרוישע פערעהרערין פון אייערע ערציהלונג · דען איך געפין אין זייא פיל נוצליכערעס אונ פיל בעלעהרענדעס. אונ אויך פיל אונטער האלטענדערעס (פארגעניגען) אלס אין מאנכע דראמאנען פון דיא אוישערוויילטע פערפאסער · איך וייס דאש אונזערע נייע מאדערשע ראמען פינדען עש ניט פאר אנשטענדיג צו לעזין וואש אין זארגאן · איך בין ניט דיזער מיינונג · ווען אונזערע ראמן שטייט אן זיך צו צירען מיט פעריר וואש דאש איז נור אפאקען שליים (פלוס) פון איין מושעל (זאבע) ווארום זאלין מיר אונז שעמען צו בילדען אונ אויש צו פוצען אונזער גייסט מיט מאנכע גוטע לעהרע וואש זייען געשריבען אין זארגאן · אונ בפרט נאך דאש אונזערע חכמים זאגען (איזהו חכם הלומד מכל אדם) איין וויזער איז נור דער וואש לערענט פון יעדין מענשין *) · אלזוי איז דאש ניט אבזעצען וואש געשריבען אין זארגאן איז עש נור איין דומער שטאלץ :

דיזער

*) עס איזט פון גרויסען נוצען פאר יעדען פאלקס שרייבער צו



דיזער גישפרעך וואלט פאר געווים לייכטער גידרוקט ווען עש וואלט ניט אנגעקומען דער מאן אונ האט אלזוי געמאכט איין ענדע צו אונזערין דעבאט (ויכוח) · אונ נון מיינע טייערע לעזערין וועלין מיר צו טרעטין צו אונזערע הויפט ערציהלונג · דאש הייסט צו אונזער טעאטראלישען גישפרעך פון זיבען דינסט מיידלאך בייא דעם וואשער רעהר וואש זייען געקומען צו נעמען מיא וואשער · אונ ווידער פון זיבען ווירטינען וואש וואר(ע)ן באוואטען אויף איינער הויכצייט · דיזע זיבען מיידכען ווארען אלע ניט היגע פאר שלעפט קיין ליגאווע וויא אמאל ר׳ שמעיה דער ניט יום טוב בישער איף פורען איירער פון אייסעסאק · טראב · מאלקעניק · אונ דאש גלייכען דיא ווירטינען אויך פון פרעמדע שטעט · זייער געבאקענע נגידעסטעס · דער נוטער יאר קען זיא וויסען וויא זייא זייען אהער געקומען · צי צו פוס · צוא אויך אויף אייזע · אדער אויף דער מאשינע שוין · נור דאש איז געווים · דאש אונזער ליגאווע האט נאך זייא ניט געשיקט · אונ זייען ניקומען אהער גאנץ אונגערופען · אונ בייא אלעס דעם פאר געסען זייא דא אנרעסערין ארט אלעס זייא האבין פארנומען אין זייערע שטעט אדער שטעטלאך · דען אין אונזער ליגאווע ווערין פיל גיכער צייטיג אוגערקעס · קארטאפעל אונ פרוכט אלס אין אנדערע שטעט · אונ אזוי אויך רייפען (צייטיגע) בייא אונז זייער פריא אריסטאקראטען אונ אריסטאקראטקעס :

דאס

צו וויסען אונ צוא פערשטיין דיא רייזענס ארטען פון אלער האנד קלאסען מענשען אזוי גאר פון גוינער · אום צוא בעדינען זיך דער מיט אין זיינע ווערקע · וויא עס איזט ארויס צוא זעהען פון דעם אייזענישוס ווערקע · דיא געהיימניס פון פאריז :

.2

דאס נאך וואסער גיין פון זיבען מיידכען
צוא דעם שול הויף רעהר פאר נאכט:

אנדערע צייטען אנדערע זיטען · אין דיא צייטען פון אונזערע פאטריארכען (אבות) · פלעגען דיא טעכטער פון דיא גרעשטע-לייט וואס האבען גינוג איינענע הענדט און דינסטען (שקלאפען און שקלאפינן) גיהאט גלייך מיט זייערע דינערשאפט זיצן ביי דער ארבעט · שפינען און וועבען ווי זייא · און אויך זעלבסט גיין מיט דיא קריג צו ברייגגען וואסער וויא מיר געפינען ביי אונזער מוטער רבקה וואס וויא איז געווען א טאכטער פון איין גרויסע (עשיר) אדער פירשט · היינט אבער פאר בלייבען אונזערע טעכטער ביי דער מאלעכע (פון מיש) אדער ביי דעם שפיגעל · דיא מוטער (מוטערס) זיינען אין גישעפט · און אין דער ווירטשאפט אבער ווירטשאפטען נור דיא דינסטען וויא דער מייזעל אין דער קופע פון דער העלע (גיהנום) · זעלבסט דאס קינדער ערציהען און זייגען ווערט פאריכטעט דורך באקקעס און אמען און עס איז אלזוי שון צוא האפען ד״ש זעלבסט דאס קינדער געבאהרען ווערט מיט דער צייט אויך גישעהען נור דורך דינסט מיידכען וויא מיר האבען שון גענוג פראבען דער פון און מיט אמען ערפאלג (פאסלערטווא) · נון איז שון קבלא ווייטער לייכט צו פארשטיין דאס דיא זיבען מיידכען ביי דעם וואסער רעהר וואהרען ניט באלעבאטישע טעכטער חלילה · נור דינסט מיידכען · וויא זייען געקומען אהין מיט בלעכענע · מעשענע קאפערנע קריג לעת הערב · דאס הייסט פאר נאכט אום צו געהלען וואסער אויף ביא · יא פאר נאכט · דען אזוי וואר דיא זיטע נאך אין דיא צייטען פון אונזערע אבות · דאס דיא מיידכען פלעגען נאך וואסער גיין נור פאר נאכט וויא דער פסוק זאגט (לעת ערב לעת צאת השואבות) דאס הייסט דאס אליעזר איז



הערט זיך אונטער אין שולהויף



געקומען צו דעם ברונעם פאר נאכט וואס דאס איז דיא צייט וואס עס גייען ארויס דיא שעפערינען · און דאס איז ווייל דאן איז שון דיא היציגע ארבייט בעענדעט אזוי בלייבט גענוג צייט צו גיין נאך וואסער און הערבייא צו פאר פיהרען מאנכע שמועסען · עס איז אפילו איינע שטונדע פאר אנטבעהרען פון איין מיידכען געזעלשאפט וואס יעדערע בעזונדערע האט גיין טאם רייד קפעט וויא נאר ניסט בפרט נאך פאר היינטיגע מיידכען וואס האבען פילמעהר פון וואס צו ריידען אלס דיא פאר צייטיגע ערשטינס פון פארעם · צווייטענס פון ליבשאפטען און שידוכים · דריטענס פון זייערע באלעבאטעס · דאך אבער איז עס גראדע פאר דיא היינטיגע מיידכען וואס האבען דער צוא נאך פיל אנדערע גייגג אין יערען טאג למשל וויא אין דיא יאבקע צו דער וועסען און זייער אפט אין ראמאנען צעשטערע אווק צו פראגען פון דער טאכטער צו אין געהיימען געריבטען אליזר גאנץ גענוג געלעגענהייט אום צו זעהען זיך ווידער און נאך אמאל מיט דיא נעכטיגע קאמראדקעס אום צוא בעענדען דעם נעכטיגען געשפרעך · און דער צו נאך מאנכע נייעקייטען בייא זייא צו הערען · און אויך מיט צו טהיילען · און עס איז צווארט פון נרים ווקטקיים צו בעשרייבען זייער יערען גאנג באזונדער · איך האב אבער קיין געלעגענהייט געהאט נאך צו שפירען · מער ניט וויא זייער צו זאמען קומען בייא דעם רעהר און איין צו האלטען זיך זייער געשפרעך דען <u>אונזער גראזנער רעהר איז</u> <u>אויף דעם שול הויף</u> וואס דארט זיינען קבר <u>דיא גרויסע שול</u> נאך שבה וכמה גרויסע קלויזען און דיא קהלישע באד · דיא חייבערשע קנה · דער גראזנער פארשטעהאן · און איז אלזוי דער צענטרום (מיטעל פונקט) פון אלע בטלנים און שנארערס · וואס בעלאנגען דעם רעהר וויא דיא הישטאריקער איינע פיצע (לווע) אין דער ווישטעניא · דאס איין ארענטליכער מענש וואס וויל זיך ניט שטויסען מיט זיך פארזאמען מאנכע האלבע שטונדען ביז ער

דער שלאגט זיך צו אים אטרונק צו מאן · בפרט דאס עס איז דארט מער נים וויא איין שעפער צו געשייט · דען אונזערע בדק הבית לייט זייען גרויסע אקאנאמיסטען · עס איז וויא גענוגענד איין שעפער וויא איין שחיטה שטיבעל *) פאר גאנץ אילון · אלזוי האב איך שוין געהאט איינע גוטע געלעגענהייט ביי מיינעם קומען אהין צו מאן אטרונק וואסער וואס עס האט מיר געקאסט באלד איינע שטונדע צייט אין צו הארכען זיך אויס פורעם לאנגוויילע דיזעם גישפרעך פון דיזע זיבען אדער אכט מיידכען :

## 3.

### (דיא פערזאנען)

סולקע איין שיינעס מיידכען געקליידעט נעט אונ ריין מיט קאכענדע שווארצע אויגען אונ הייבט לעבענדיג אונ פריש דינט ביי איינעם רייכען זיידען הענדלער :

פייקע איין שארמאנטעס קינד · מיט איינער שפאלצע מינע · אונ גאנץ געזעצט · דינט ביי איינעם פוסטען פאראציק :

האנקע גאנץ אונוויסענד · זעהט אויס נאך גאנץ קליין שטעטעס · האלב ווילד · האלב אונשולדיג · דינט ביי איין רייכע בענדלערקע וואס איר מאן זיצט אונ לערנט :

מינקע רונד אונ שטארק געבויט מיט אנגעשטופעלטעס

*) דיא שחיטה שטיבעל איז נור איינע אונ דער צוא אקליינע : עס איז ניט צו בעשרייבען דעם אנדראנג וואס איז דארט אין דיא ערב יום טובים : עס ווערט געצאלט צו צווייא דרייא קאפייקען דאס מען זאל צו לאזען צום שוחט : פיל עופות ווערין גאר ניט דער קוילעט · אונ לעבין נאך דער שחיטה צוא פאר טעג · אונ אזוי קומען ארויס נאך בטה קלקולים וואס ניט דא אין צו ריידען :





געזיכט · דינט ביי איינעם אויפגעקומענעם נגיד :

איטקע איין געלאנטעס קינד · האט שוין איין עטוואס בילדונג · אונ דינט ביי איינעם נייע מארעשען וואס האט אויס געשטודירט יוריסט :

שייטקע שוין אין יארען געריקטעס מיידכען מיט אקלוגען קאפ דינט ביי איינעם רייכען סרסור :

בת שבקע שיין אונ מונטער · פלינק · אונ פראווארנע (געוואנדטע) גאנץ געשאפען אונ געוואקסען צו איר שטעלע · דען וויא דינט אין איינער אכסניא :

דיזע אלע מיידכען זייען צו זאמען געקומען אין פערלויף פון איינער האלבע שטונדע · דיא סולקע אם שפעצטען · אונ וואר פון וייא ערווארטעט מיט דער גרעסטען אונגעדולד · וויא איין פרעזידענט פון דער גאנצער סעזאן :

## 4.

### דאס ערשטער געשפרעך.

בת שבקע) וואס איז מיט דיר סולקע דיא מעשה וואס דוא האסט זיך היינט עפעס אזוי פאר שפעטיגט ? מיר האבען געמיינט שוין דאס דוא ביזט שוין גאר אוועק געפארען · אונ מיר האבען אלזוי גרויס פארדרוס געהאט וואס דוא האסט קיין אפשייר גענומען פון אונז :

סולקע לאבענער) נון זעהט איר דאך דאש איך בין ניט אוועק געפארען · איך האב מיך פערזאמט נור דורך דעם וואס איך האב געהאט איין אויפטראג (פארוצענע) פון דער עכסה מיין באלעבאסטעס טאכטער צו איר ווער פאר שטייט דאש ניט · איך מיין עש צו איהרען אנעליבטען · אונ האב אלזוי פאר אייער ווארטען אויף מיך מיט וואש צו בעפרידיגען אייך (וואנעגדיק דיזעס האט זיא ארויס גענומען פון קעסענע אנאנצען שקארטין מיט צוקער געבעק אונ האט דער פון אויס געשיילט

יערע בעזונדערע אין איינדער באנבאנם (צוקערקע) דיזעס האט
מיר יענער געגעבן פאר דיא עכסה מיט אצעטיל דער בייא
עס וועסטיין גענוג פאר איר איין העלפט דער פון · דען בייא
איר איז דיא הויפט זאכע נור דער צעטעלע · אונ דאס וועל
איך איר אין גאנצען אוועק געבין · דער צו נאך האב איך
געהאפט אצווייגילדענשטיק פון אים · א ער איז אזאווילער
יונג · אלזוי האב איך מיך שוין ניט אומזיסט געזאגט · אינ
פארציהע ! דער רעכטשער לוין ווערט נאך ערסט קומען · זאל
זיך נאך דיא זאך מיט גליק אויס פיהרען:

בת שבקע) אונ וואס זאגען דיא עלטערין דער צו ? :

סולקע) דוא פרעגסט עפעס אויך עפעס אשאלה וואס
עס פאכט גאר ניט פאר אזוי איינע וואס דינט אין איין
אכסניא · וואס פלוידערסט דוא פון עלטערין ? פרעג זייא
בחרם · זיא דיא מוטער איז דא אגאנצען טאג אין קראם · אונ
אלם זיא איז אין שטוב זיצט זיא אויך מיט אפארדרייטען קאפ
פון געשעפטין · אונ דער פאטער איז גאר אווינם קומט אויף
אוודייכע אין שטוב · עסט אפ שלאפט זיך איבער · אונ דריים
זיך אוועק · פון זייערט וועגין מעג זיך אויפקערין דיא שטוב אין
גאנצען קאפויר · אונ פאר לאזען זיך אלזוי מיט דער גאנצע
ווירטשאפט פריהער אויף דיא עכרדים הענט אונ דער נאך אויף
מיינע · נא וויא אזוי קענען זייא שוין וויסען צו זייער טאכטער
איז אין ווערען פאר ליבט אדער ניט · מיר דוכט ווען דיא
עכסה אדער איך וואלטען בייא זייא אין שטוב אין קינפעט
ליגען וואלטין זייא עס אויך ניט געמערקט:

בת שבקע) אט פאר וואסזע איז גיוען צוא הערין
דאס דיין באלעבאסטע וויל דיך אוועק לאזין ? פאר געווים
האט זיא שוין געמוזט וואש הערין פון דיזער געשיכטע · דאס
דוא בייזט דיא קופלערין (פאקטארקע) צווישען זייא ביידין ·

סולקע) אט זאל זיא אזוי וויסען צוא לעבין דיא

ברידאטע



ברידאטע וויא זיא ווייס וואס עס טוט זיך מיט איר טאכטער ·
איך קאטירע דיר דאס ניבער ווען עס וויסען אנדערע אלס
זיא · אונ דאס וואס זיא וויל מיך אוועק לאזען ! איז עס שוין
ניט פון נעכטען · דער מיט איז נאר איין אנדער צרה · איך
בין איר צו שיין · אונ שרייט אלץ דאס דער באלעבאס האט
מיך העלפטער פאר איר · נור לאז דיא בורקעס · עס וועט
ניט זיין ערסטענס וויא אונטער אונז געשפראכען דער
באלעבאס האט מיך מאק ניט פיינט · אונ צווייטענס וועט
עס דיא טאכטער ניט דער לאזען · אונ וועל אלזוי זיין אויף
מיין ארט ביז איך וועל אליין וועלין · דען וויא געזאגט איך
האב דא זיך זייער גוט · ארבעט גאנץ ווייניג · קוק ניט אן
אין מיינע אויגען קיין באלעבאסטע וואס זאל מיך צו טרייבען
צום טאן · אונ גרייזן פאר וואס איז דאס ניט ריין אונ דאס ניט
אויס געשייערט · אונ דאס ווארום ווער איך פארפאלען אין
נאס · איך לעב דא וויא אין פרייער פויגעל אונ זעה מיך
מיט דעם גראסען אויף זייער אפט · דאס פון דער טאכטער
דאס פון דעם באלעבאס · אונ דאס נעמט קען בייא מיר קיין
רעכענונג וואס איך גיב אויס אויף הוצאות אונ ווער רעט שוין
פון אם רעכענען פאר היזיקות וואס עס מאכט זיך אין שטוב
דאס גנבעט מען · דאס צו ברעכט זיך · דען וויא צווישען
אונז געדעט (לאבענד) גאט האט מיר גינעבין אויגען צו קוקען
עפעס אויף פיל בילכערע זאכען אלס אויף דיא כלי בית פון
מיין באלעבאסטע וואס איז מיר אין דם שונא · דען נור עפעס
זאגט זיא צו מיר ווער איינגעבראכען חצופה הורעשע צורה
פיטקעס לובאונעצע · זיא האט עס אביסעל אויס טילקעל ·
וויא אגעבארענע יאטקעווע גאסיצע · נור וואס העט איך איר
זיא האט אבער אויך געבארענטע ליידען פון מיר · איך גיב
איר רעסטע:

בת שבקע) אוס אונ אוס דיא וועלבינע קריינק · איך
בין

בין אפילו דאך ניט אזוי שיין וויא דוא ביזט · דאך ביא מיין
באלעבאסטע בין איך איין שיינהייט · אינ עס קריינקט איר צו
זעהען דאס דיא אורחים קוקען אויף מיך טוען אשמיף מיט
מיר בפרט נאך ווען זייא שיינקען מיר אמאל אפאצייליקע · אדער
לאזען א צו גרוים צ־זנע „זיא האט קיין אנדער נאמען פאר
מיר נור וויא „וויקלוש (אוים געלאסענע) אוים געריטענע אונ
ביא אלעם דעם אלם איך וויל אוועק פון איר וויל זיא מיך ניט
אוועק לאזען אונ אזוי אויך דער באלעבאס אויך גיט ווייל עס
איז זייא דער כוח ניט אוים געדארט דאס באם איך זאל פון זייא
אפ טרעטין ווען צו זייא קיין הונט פאר קעהרין · ערשטענס
ווייל זיא איז אליין איין שטיק מושב · איין שלומפער · איין
אונצוכט · פארשטייט ניט וויא צו בעגיין זיך מיט לייטען · אונ
צווייטענס איז איין אכסניא אן אשיינע באלעבאסטע אדער אן
אשיינע דינסט כיידעל אלע מאל איין פוסטיגע :

מינקע) דער פאראלעס ווייס זייא דיא באלעבאסטעס
וויא מען זאל זיין איז ארץ שלעכט · איז מען שיין · ווערט מען
פון זייא אנגערופען · הורעשע צורה · פארצעליגע פארצע · איז
כען ניט שיין רופט מען „בריראטע · פאכונעצע · איז מען נאך
דער צו אביסעל געשטופעלט אונ שווארצלאך · רופט מען „מצה
שמורה“ איז מען רעכט פאקענדיג רופט מען „שינוקער בית
היים דיא כתים זייען צו לאפין דיא גריבער. זייען געבליבען *)
אונ צום אומגליק בין איך וויא איר זעהט אקאפעצקע געפאקט ·
אונ

*) שינוקער בית עולם ליגט ניט ווייט פון קלעצק · איאר
זעכציג אדער זיבעציג איז ער געשטאנען אין איינעם היילינגען
גרוך · עס פלעגען צו פארען צו אים עקרות עגונות · קיילעקעס
פון דער גאנצער וועלט אונ מען האט דערציילט פון אים וואונדער
איבער וואונדער · דער נאך האבין טאטערין אויף געוויזען דאס
ער איז נאר זייער אפאהילניק · אונ האבען אים צו גענומען



אונ ביא אלעם דעם מיינט מיין באלעבאסטע דאס איר בענאק
האט מיט מיר קאשאקטען אונ ווער ארזוי געשמיסען פון איר מיט
צווייא בייצען · דען זיא רופט מיך „בריראטע · שמורה מצה ·
שינוקער בית עולם אונ דער צו נאך הורעשע צורה · איי איז
דאס אכחורה · אביין כויל · אזוי געהייבען ביא זיך · זיא ווייס
גאר ניט וויא דעם קאפ צו האלטען · מאכט פון יעדען בלאטע
אונ אש · קיינער געפעלט איר ניט · אונ אין יעדער זאך געפינט
זיא אליץ אחסרון · אונ זאגט אויף אליץ מבינות · איך ווייס ניט
וואו האט זיך ביא איר גענומען אזו איינע בריימקייט צו האלטען
פון זיך אזו פיל וויא לאנג איז זיא געוועזען איינע נאמניצע . עס
איז ערשט דיא אנדערע יאר דאס זיא איז געווארען אנגידה אונ
עס האבען זיך שוין געביטען ביא איר פינף דינסטען · אונ אלע
שכנים וואונדערען זיך דאס איך האלט זיך איין ביא איר אזוא
לאנג · דען באמת האב איך פון איר קאלט אונ ווארעם כיינע
שונאים זאלען זיין מיט אבאלעבאסטע אן איין שטוב · דען זיא
זיצט נאנצענע טעג אין קיכשטוב · אונ גריזעט מיך · אלוו סולקע
האב איך דיר גענוג מקנא צוא זיין · דוא ביזט אין אהעכדעלע
געבאהרען געווארען · דאס דוא זעהסט דיין באלעבאסטע אין
דיא אויגען ניט אן :

אייטקע) איז זיא חאצבי איינע ווירטין ? אונ פארשטייט
פאר וואס צו בייזערען זיך ?

מינקע) זאל זיא וויסען אזו צו לעבען וויא זיא ווייס פון
ווירטשאפט · עס איז דא אין שטוב ווילבער וויא האלץ · אונ
אהאק מעסער · אהאק · אברענער · אסקאוואראדע · אטילכעל
מוז מען גיין לייען · זיא האט געגעבען איבער פארבען אויידענע
קלייד · האט זיא זיך ארום געזעהען אין אוואך פיר ארום נאך
דעם

פון דעם דארטיגען ראנבאר וואס ער אונ זייגע קינדער זיינען
פון אים רייך געווארען :

working illegally, w/out work permit



דעם פארבערס אבבריינגען · אלס זיא האט עס געוואקט אוועק
געבען איבער גייען דאס עס פעלען ביידע פאר'ער חלקים · גנ
וואר לארעם מיט דעם פארבער וואר לארעם מיט דעם שניידער ·
אונ כל חכמה האט זיא אויס געלאזען צו מיין קאפ · אונ אונעלבע
שצענען איז אלע מאל מיט דער ועסען · זיא בעדיינגט קיין
מאל ניט וויא פיל זיא גיט אוועק און וועם אונ וויס ניט וויא
פיל זיא נעמט אפ · אונ אלס זיא זעהעט זיך ארום עס פעלט
אונ עס איז איין איינגעקנעפט אין דיא גרעט בין איך דער גנב
אונ זיא האט שוין עטליכע מאל אויף געבראכט מיין קעסטיל ·
אונ קרחת געפונען · דען זיא האט קיין קאפ אונ קיין פעדער ·
א איך וואלט שוין לאנג געשלאגען פפרות מיט איר · אונ וואלט
אנגעקומען צו אנדערע · דען זאל איך זיין און איין דאגה מיט
קרחת וויא מיר איז איין דאגה מיט איין ארט · האט איך צום
אינגליש קיין פאס · אונ אן אפאס וויל מען קיין דינסט נעמען ·
אונ בייא איר מאכט עס ניט אוס · דען זיא וואוינט דאך אן
איר איינגענעם הויף · אונ ווידער האט זיא געוואגט באם איך
וועל פון איר אוועק וועט זיא מיר אליין מאסערען דאס איך
בין און אפאס · דען עס וועלט זיך איך ניט אוועק לאזין מיך ·
דען באמת האט זיא נאך אזוי ארינגעט וויא איך ניט גיהאט ·
ערסטענס פאר שווייגע איך איר אלין · אונ צווייטענס קעהר
איך דארט בערג איבער דען עס איז דארט אנגעזיגט · אונ
אלע גרויסע צוכצייעס · איך ווער אלע טאג און דער פריא
מיין געזונט אן אום אוים צוא ריינינען דיא שטוהעל · דיא
מייטקעס · אונ אלע טאג איז דא וואס צוא וואשען · היינט
איז זיא אויף איר בלייבענעם עפעס אשטיק חולנית · זיא
זאגט דאס צייט איר אויפקומענעם האט זיא בעקומען שפאזמעס ·
אונ דאס בעקומען אלע נגידעסטעס אלס איין צו ליינ פון דעם
אויבערסטען צו זייערע נגידות · אלוו מוז מען אוח ווארעטען
בלעכענע פלעסער מיט וואסער דיא ארויף אונ דיא אראפ ·

עס

divine punishment

the rich suffer spasms!



עס איז פרעחים ארביים ארום איר · אונ בייא אלעם דעם
רופט זיא מיך דאן וגבלה · אונ נור עפעס שטראפעט זיא מיך
דאס זיא וועט מיך ארוים טרייבען · אונ האט עס מיט אונז
אירעשע דינסטען · דאס מען וויסט ניט וואו מען וועט דעם
קאפ מארגען לייגען · היינט וואלט איר זעהען מיין אפרוהונג ·
אויף אפארפוילטען אונ פארווערעמטען שלאף באנק אצוריסענער
סעניק אונטערין זייט אונ אשווארצע קישן צוא קאפין · אונ
דעק מיך צוא מיט אקאלדרע וואס געדיינגט שוין דעם מלך
סאבעצקע · ארעסטע פון זייער פארגען דלות · אונ בייא
נאכט אלס עס קומט דער באלעבאס הייבט זיך אן די אויפשקעגעס
אין טויזענט ערטער · טרעט ארויף טרעט אראפ וואס מען
קען ברעכען דארט דארט · אונ ליגט דען עס איז פינסטער
דארט וויא און איין אונז · דען עבעסט בייא דיא נגידים
ברענט ניט אשטיקל לעמפיל און דיא פארהייזער · שבר
ישראל וואס זייען עס פאר מענטשען ·

(איטקע) נא כוז דיר דאך וואס דארפין מאכען · עס
איז דאך איין רייכע הויז ·

מינקע וואלט זיא עס האבען אין זייער געזונט · זייא
זייען רייכע מויקעס · אבער קיינע רייכע לייט · מער וויא
פראסטע מענטשען זייען דארט ניט איין · אונ זעען עס טאמט
זיך אין אינער דאס שפילט מען דארט אין קארטין · האט
איך דער פון מער ניט וויא פארדינענע · ניין נאך בראנפען ·
נאך הערינג וואס מען קויפט עס פאר דיא געלט וואס מען
נעמט עס אראפ פון קאן · מיר דוכט דאס נעמט מען אוים
אויך פאר קארטין אונ פאר דיא ליכט · נא בייא אונעלטע
קמצנות ווער טרינקט שוין פון איין דינסט מאר · יא טרעפט
ווייער אפט דאס זיא פארדרייען מיר דאמיט דיא גאנצע נאכט ·
דען איך מאר זיך דער ווייליע ניט ליגין שלאפען · עס איז
אציקעדיגער ארט ·

איטקע

sleeping conditions

dark

In praise of her mistress
Speaks



אייטקע א ווען אזו איז מיין שטעלע נעגען דיינע אמריכה · מיינע ווירטין איז צוואר אויך קיין דימענט · דאך גאר איינע אנדערעס מענש · ערסטענס איז זיא אגרויסע ווירטין · אגרויסע צוכט · איך בין ביא איר שוין אייאר דרייא · אונ האב נאך פון איר קיין קללה נעהערט · קיין בייזער בעקומען · אונ ווירקט אויף מיך מיט אקרומען קוק פיל מער אלס דיין באלעבאסטע אויף דיך מיט שרייען אונ מיט שילטין · איך עס צוואר ניט מיט זייא אין איין טיש · בייא אלעם דעם · עס איך ניט שלימער אלס זייא זעלבסט · איך בין בעשעפטיגט דעם גאנצען טאג · בייא אלעם דעם ווער איך העכסט געשוינט · מען לאזט מיך ניט גיין אין איין רעגין אדער אין איין שנייא אן אפאראסאניק · איך האב אבעטיל מיט ארענטליכע בעט געוואנט צוא שלאפין · איך בין צוואר אויף מיין אייגענעם שוכען אונ קליידען בייא אלעם דעם ווער איך איטער בעשאנקען מיט איין אלטעם קלייד · מיט אלטע שיך · מיט אשנופ טוך אונ דאס גלייכען · זיא שניידערירט אליין אונ איך העלף איר צו צייטען ווייס · אונ האב דער פון ווייער פיל פראפיטירט · דאס איך בין שוין אים שטאנדע זעלבסט אקלייד צוא צו שניידין אונ אויף צו שטעלען · אין דיא שבתים אונ ימים טובים לייענט זיא מיר פאר זייער שיינע אונ פרומע ערציילונגען · אונ ערלויבט מיר אין דיזען טאגען אוים צו גיין אויף איינגע שטונדען צוא זעהען מיט מיינע בעקאנטע אונ פערוואנדטע (קרובים) · אונ פרעגט זיך בייא מיר ווייער אפט נאך איבער מיינע עלטערין קיין קינד טאר מיר ניט גראב אנקומען · אונ לאזט אבער אויך גים צו דאס זייא זאלען מיר מאכען צו פיל. חבר לאפ ווערט איין נאכט געשפילט אין קארטין שארט זיא מיר צוא איינגע גילדען · אונ וויא איך זייא ווייסין דאס איך בין איינע טרייע אונ ערגעבענע דינערין · בייא אלעם דעם איז בייא איר אלץ אונטערין שלאס · אונ ווענט איבער דיא





פלייש אונ דיא פיש וואס איך ברייגג פון גאס · קומט אריין צעהען מאל אין טאג אין דער קיכע · פערזוכט דאס עסען · אונ בעלעהרענט מיך וויא נעהער צוא מאכען · מיילט אליין צוא דיא מאס וויא מען זאל דיא האלץ צוא זעגין אונ צוא שפאלטין · אונ גיט אכטונג דאס דיא וועגער ואלען עס ווירקליך אזוא טאן :

מען לייגט זיך אין דער צייט אונ מען שטייט אויף אין דער צייט · איך בין אזוא אגאנצען טאג טהעטיג ווייל זיא איז עס אויך · אונ אזו איך צעהען יאהרינע טאכטערל · דען זיא זעלבסט לעהרענט איר שרייבען לעזען נייען שטריקען · דער העד איז אליין איין בורלאנטענער מענש · איך ווער פון אים בעשאנקען אלע מאל בייא זיינעם אוועק פארען · אונ ווער בעשאנקען מיט אקליינעם פרעזענט בייא ווינעם קומען · ווען ער שפאסט זיך מיט מיר · איז ניט מיט איינעם געפעהלענדען טאן (שטיפע) · נור בעסטענד · אונ איך פאנגע אים גערנע עס איז מיר איינע פריידע אים צו בעדינען · מיינע גרעסטע בעשטראפונג איז אין שטוב דאס מיינע דאמע רעט ניט מיט מיר מאנכען טאג ווען איך האב מיך אין וואס פאר זעהען · אונ דאס קרענקט מיך פיל מער אלס אלע אייערע באלעבאסטעס שרייען אונ זידלען · קורץ געזאגט איך בין פון מיינע הערשאפטען זייער צופרידען · נור בייא אלעם דעם זאלען מיינע גוטע פריינד טעכטער ניט אן קומען צום דינען · ערסטענס ווייל מען איז איינע פערקויפטע ; אונ צווייטענס מען קען דאך אייביג ניט דינען · מען מוז דאך אמאל חתונה האבען · אונ דער נאמען דינסט צו אשידוך בייא אינז אידען שאדעט פיל מער אלס איין מסור צו האבען :

האנקע אונ איך וואלט אויף דיין ארט ניט איין טאג וועלען זיין · ווען מען זאגט דאס זייא זייען גאר קיין אידען · מען זאלצט קיין פלייש אונ מען מאכט דעם סאמאוואר אום

HANKE 31–37



שבת · און זיא גייט ניט אין מקוה · און גייט מיט איינעגע
האר · און בענטשט קיין ליכט · א ווען מיר וואלט עס ניט
אים געמאכט וויא דיר וואלט איך געקענט אפשר נאך איין
בעסערע ארט צלם דוא בעקומען · און וויא צווישן אונז
גערעט · רובט מיר דאס איך וועל האבען גרויס עולם הבא
דער פאר ווען איך בין פון מיינע בעלי בתים העכסט אונצופרידען ·
איך חרטה'ווע דארט זייער שפארק · און האב נאך דער צוא
גרויסע קריינקונגען · מיינע שונאים זאלען דינען אין אזו אין
שטוב וואו מאן און וויב זייען שטענדיג אין קריג צווישן
זיך · אונ דאס זייען מיינע בעלי בתים · מיין באלעבאסטע איז איין
קריסטליכע טענדלערקע · איין גרויסע פארדונערקע און דער
צו נאך איין גאנץ שינע נקבה · און איז אלזו דיא שפייעקע
פון שטוב · האט ביא זיך אפאר פאלג איך קעסט אין מאכטער
מיט ציין איידעם · דער איידעם דינט אין אקאמפאר און איז
אגאנץ פיינער יונג · און איז פיל עלטער פאר דער טאכטער ·
און מיין באלעבאס איז גאר אגאנק קוועטער ווייט און לעריגם ·
און מען האלט אים אין שטוב וויא איין הונט הערט איז
ווען לאכען · דיא ערשטע צווייא חדשים וואס איך בין א
געקימען צוא זייא · און וואס איך האר נאך דאן אין האלבע
ישובניצע · ווען איך בין דאך אליין פון דריציפאק אעקריס
שטעטיל · בין איך אלץ געעסין וויא איינע ווילדע ענטעל
אין קיכשטוב פאר קראכען אין אווינקעל און האב מורא גיהאט
פאר לייטען וויא פאר איין פערד · און האב אלווא ניט
געוואוסט אויף קלאר וואס דיא הוילעטע ווייזן זיך פאר קרובים
מיט איינאנדער · איך האב בער ניט געוואוסט דאס דיא גנבטע
איז באלעבאסטע און דיא סערקע דיא טייטעל איז דיא מאכטער
ווייל איך האב געהערט דאס זיא רופט איר מושר · און
ווייטער האט זיך מיר גערעכט דאס דער איידעם איז עם רעט
באלעבאס ווייל ער איז פיל עלטער אלס דיא טאכטער · אונ איז

דער

Comical scene



דער גאנצער בעל דעה אין שטוב · און איז מיט דער באלעבאסטע
אימער פסי שעסו און עסין צו זאמען · און דער ר׳ מענדיל איר
מאן איין טייערער איר אמענש גאר און איין נאל איז גור איין
ארעמער למדן · ווען ער קומט עסין זעהט ער איין אפאר שטונדין
אלס וויא עסין אפ · און מען גרייט אים אין דעם זעק טיש
אשם'ציין טישטיכיל · און מען דער לאנגט אים איין פארשטינקעטעם
(פערקילטעם) עסין · און נעכטינט אין דער היים מער ניט וויא
פרייטיג צונאכט · און איך וואלט עס אזו ניט וויסען דאס ער
איז איר מאן דער ווייסט נאך וויא לאנג ווען עס וואלט זיך
ניט גימאכט דאס אלס ער איז גיקומען אום קורץ פרייטיג עסין
וואס עס איז מיר דאן פון דיא הענט געפאלען דאס איך בין
אזו ווייט ארוים פון געדולד דאס איך האב מיך אפ גירופין צו
דער באלעבאסטע · „וואו וועהעט מען עם ביא לייטען דאס
איין ארעמער למדן זאל קומען פרייטיג אויך עסין · בפרט
נאך אום קורץ פרייטיג" :

מיין באלעבאסטע איז געווארען רויט וויא פונק · און
האט אויס געלאזין כל חמתה צו מיין קאפ „א דוא חצופה ·
דוא ווילקלוט ! האט זיא זיך אפ גירופין צוא מיר" דוא שטיק
פלייש מיט צווייא אויגין · איך שוין מער ניט וויא זיך אליין
איך וואלט דיך אויס געפאצט · און מאכען דיר דיא באקן
העקער פאר דיין גראבין נאז · דאס איז דאך מיין מאן זאלסט
דוא אויס געריסין ווערין עס איז נאך איין גם וואס איין
פרעמדער האט עס ניט גיהערט · מען וואלט דאך געמיינט
דאס איך בעהאנדעל אים ווירקליך וויא איין ארעמען למדן ·
דוא ביסט דאך שוין גאנצע צווייא חדשים אין שטוב וויא
ווייסט דוא ניט דאס ער איז מיין מאן ?" :

און איך אין מיינער דומקייט האב נאך דיא מערבה
פאריכט וואס זאל איך וויסן האב איך גיענטפערט · איך
האב געמיינט דאס דער וואס עסט מיט אייך בעזאמען און


וואס

וואס גיים לייטעס אן געטאן · אונ וואס איך רוף אים איבער
מיט דעם גאטען באלעבאס ער איז אייער מאן · אונ דער אפ
געריסענער אונ איין געבויגענער איז נור איין ארעמער למדן
„האב דיר צעהען שאק רוחות · דוא משרת האסט זיא מיר
גיענטפערט זייא וויסען ווייטער דוא פרוצה · דאס דער איז
מיינער איין איידעם · אונ מיין מאן איז גראדע דער וואס דוא
האלטסט אים פאר איין ארעמען למדן · ער זעהעט אויס צווואר
אזו אויס · ער איז דאך אבער מיין מאן · אונ ווייל ער האלט
ניט פון דער וועלט · דאהער גייט ער זיך אפ געלאזין · אונ
קוקט עסין ניט אין דער צייט · אוי איבער דיך דאס דוא
ביסט אזו איין בהמה דאס דוא האסט עס ביז אהער אליין ניט
פארשטאנען · ערשטינס ווען ער וואלט געוועזן נור איין ארעמער
למדן וואלט איך אים בודאי געהירצט · אונ ניט זאגין דוא ·
אונ צווייטענס מיט אפרעדין וואלט איך מיך קיין מאל ניט
איבער גערעט אונ פשיטא שוין ניט געקריגט זיך מיט אים
ניט געוידעלט · א ניט אומויסט לאכט מען בייא אונז פון ניט
היגע זייא זייען טאקע אקסין אונ פערד :

פון יענער צייט אן זייען מיר שוין דיא שפען אראפ
געפאלען פון מיינע אויגין · אונ האב שוין העלער אן געהויבין
אריין צוא בליקען אין זייער הייליכען לעבען :

מען לעבט דארטין זייער שלעכט · דיא באלעבאסטע איז
מיט דעם איידעם איין ליב אונ זייל · פיל מער אלס עס דארף
זיין איין שוויגער מיט איין טאכטערס מאן · אונ דיא ווייבעל
געבט זיך דאס לעבין דער פון · אונ מיט דעם מאן איז זיא
שטענדיג אין קריג · מער אלס איין מאל האב איך שוין געהערט
וויא זייא האבין זיך ביידע געצאנקט · דוא ביסט איין דארפעניער ·
איין בטלן נור וואס ווייס ניט איין גראשין צו פאר דינען · האט
זיא צו אים איין מאל געזאגט · איין פאר פולטער קלויזנער ·
וואו זעהעט מען עס דאס א ווייב זאל הארעווען אויף א מאן ·

אונ



אונ שלעפין אויף זיך אגאנצע געווינער · דאס מאכט נור פאר
איינע אלמנה · נו וואלט איך גם וועלין ווערין · האלט דיך
אבער דער שווארין יאר צוא לאנג אויף דער וועלט · עס
שטארבין אינגערע אונ געזינטערע פאר דיר · אונ איך מוז
שלעפין אויף זיך אזו אדויקער · גאט ווייס ביז וויא לאנג מען
קען זיך ניט איין קויפין אין לייטשע מזלות · דער פאר
ווערסט דוא אבער האבין עולם הבא · האט ער זיך אפ גערופין
„טאקע פון דיין לערנען וועל איך גם האבין" האט זיא זיך אפ
גערופין „צוא איך ווייס ניט וואס דוא טוסט דארטין" הערסט
נייעס אונ דער צײלסט מעשיות אונ ווארעמסט זיך בייא דעם
אויבין · זינט ווען דוא קוועטשט דעם באנק · שוין פון איאר צוואנציג
ווייסט דוא נאך ניט וויא מען מאכט איין ברכה איבער איינגעמאכין
דען איך הער דאך אלע מאל אין סעודה ביסט דוא דיך מפלפל
מיט אנדערע באנק קוועטשער וואס עסין מיט אונז דארטין צוא
זאל מען מאכען שהכל צוא בורא פרי האדמה · א מיינע עלטערין
האבין מיר גוט בעגראבין · זייא האבין מיר איין עילוי געגעבין
פאר איין מאן · זייא האבין געמיינט דוא וועסט ארב ווערין ·
איין מורה הוראה זיין · נו ביסט איין טויגעניכטין פערוואי
סארט · אונ וויל נאך גיט ליידין פאר וואס עס איז בייא מיר
תקיף דער איידים · וויא איך זעה איין וואלסט דוא צופרידענער
גיוועזן דאס אנדער טאכטער זאל האבין אמאן אזו א גניסט וויא
דוא ביזט · א דאן וואלטין מיר שוין צו נאט געקומען :

אונ ער וויא אויך ער האט מיר אויס געוויזין נאר וויא
אקאטעטענקע האט איר אויך גיגעבין גענוג רעסטע · הערסטו געסעקע
האט ער זיך צו איר אפ גערופין ווען איך זאל זיין צעהען מאל
ערגער אלס דוא מיינסט ביסט דוא מיך דאך ניט ווערט · דען
דוא ביסט דיא נעלבינגע וואס דוא ביזט גיוועזן פאר דער חתונה ·
דיינע עלטערין האבין ווירקליך זיך גענארט מיט מיר · דען זייא
האבין געמיינט אויס צו וואשין דיינע פלעקין אין מיינער רעהיגע ·

אונ

און זייא האבען עס ליידער ניט אויס געפירט · דען דיינע פלעקין זייען דאך דיא זעלבינע · דען דוא ביסט נאך עד היום בעליידיגט אין שטאט · עס איז צוא בעדויערין מיין ערליכען נאמען דאס דוא הייסט מיינע פרויא · דוא דארפסט מיך וויא איין קרוין האלטין דאש איך רוף מיך אן דער פאטער פון דיינע קינדער · דוא האסט מיך געמאכט ווירקליך צוא וואס אונזער דינגסט האט מיך געהאלטין בטעות · דאס הייסט ארעמער למדן · איך האב געוואלט איין געשעפטס מאן ווערין האסט דוא מיך ניט דער לאזין · ווייל דוא האסט געפירכטעט פאר מיך דאס איך זאל דיך ניט פאר איינע היימיגע מאכען · נון בערייע איך עס יעצט עס איז אבער ליידער שוין צו שפעט · דוא האסט מיך בערעדעט צוא פיהרען אפרומען לעבען · אום דוא זאלסט האבין איינע גוטע געלעגענהייט צו פיהרען גראדע איין פערקערטעס לעבין און מיך אין צוים צוא האלטען · עס איז ניט דא אטאג וואס איך האב ניט שפיכות דמים דורך דיר אין קלויז · שטארבען קליינע קינדער שרייעט מען דארטין קוקענדיג אויף מיך עס זייען חטאים אין שטאט · איז דא אמקשה ללדת בין איך דער זינדען באק · נאך געכטין האט מיר דער אונטער שמשיל געקענט פרעגין איין רעטענעס "זאגט מיר" האט ער זיך אפ גערופין צו מיר "זאגט מיר וואס איז עס פאר אזו אטרויפע סחורה וואס האט ניט מורא פאר קיין פאטקע?" מען וואלט מיר שניידין מיין פלייש וואלט קיין בלוט געגאנגען · און וואס האב איך דער פאר איין איינגעשמוצטעס שטיקיל ברויט מיט טויזענט קללות דער בייא · איך בין וויא איין טויטער אן אראסין און לעבע נור ווייל איך בין ניט געשטארבין און ניט בעסער ווער איך בעהאנדעלט פון דיינער טאכטער · אזו איין סוף מעג טאקע אוים גיין צו דיא אלע וואס פאר לאזין זיך אויף זייערע ווייבער קיין גוטש זאלען יענע האבין דיא וואס האבין גאר אויס געטראכט דאס ווייבער זאלען זיך מישין אין געשעפטין · דער אלטער

שפריכווארט



שפריכווארט זאגט דיא פרויא געהערט צוא בלייבין נור בייא דער שפינדעל :

קורץ דער פון עס וואר דארטין קעפעלעך און פיסלעך · אפסוק אום אפסוק · און כל חמתה איז אויס געגאנגען צוא מיינעם קאפ · דען אלס מיין באלעבאסטע איז געקומען אין דער איינגע דאס הייסט זיא איז צו קורץ געקומען אין ווערטער · איז זיא צו געלאפין צו מיר און האט מיר געגעבין אפאץ דאס עס זייען מיר שיר דיא אויגען ארוים "דוא שטיק פלייש וואס זיצט דוא דא" האט זיא זיך אפ גערופען · "פאסאל דא קוכנע" דוא ווערסט דאך דער מיט דיא שטאט פול מאכען · איך וויים דען ניט דאס דוא דער ציילסט וואס עס פאר קאלאצעט זיך אין איינער איי · און איך האב מיך ניט געוואלט דער ווארטען אויף נאך איינעם · האב מיך בעגאסען מיט טרערין און בין אריין אין קיכשטוב · אט אזעלכע שצענען איז דארטין גאר ניט זעלטין · און איך האב דער פון גרויסע צרות · דאס געהערט דאס אפ געזאגט · און בייא אלעם דעם ווילט זיך מיר ניט אפ טרעטין פון דארטין נור איבער דעם ווייל עס איז פארט איין אידעשע הויז מען נעמט אן שבת בעצייטען · מען שטעקט אן דארטין ליכט דאנערשטיג נאך האלבין טאג · מען פארוקט צאלענט בעצייטען · עס איז איין ליבע הנאה צו הערין וויא דער באלעבאס זאגט שלום עליכם · מאכט קידוש · זינגט זמירות :

איטשקע ווען אזו ביסט דוא טאקע וואס דיין באלעבאסטע רופט דיך אשטיק פלייש מיט צוויא אויגין נור דער פאר וואס דוא ביסט דארטין איין טאג אפילו · און צווייטענס פאר וואס דוא האלסט זייא פאר פרומע מענשין · ווען עס איז אנדערש אזוא ריכטיג וויא דוא דער ציילסט פון זייא זייען מיינע בעלי בתים פיל פרימער און לייטישער פאר זייא · און וועל אזוא ניט בייטין זייער נאגיל אויף דיינע באלעבאטעשע קעפ · דער חסרון איז פון אייערע ליטווישע אידען דאס מען קוקט "ר אויף דעם

אוים

In praise of her enlightened masters



אוים ווייניגסטען פאסאן · צו מען גייט קורץ אדער ניט קורץ געקליידעט] אבער ניט אויף דעם אינעווייניגסטען כאראקטער · איר זאלט וויסען דאס מיין דאמע ווען אויך זיא גייט טייץ געקליידעט איז זיא אטייערעס מענטש אונ אגאנץ ערליבע אידענע · ליגט זיך שטענדיג אין דער היים · ווירטשאפטעט אונ גייט · בערעט קיינעם · בעליידיגט ניט קיין אנדערן איז ביא זיך גאר ניט געהויבין · אונ דער צו אגרויסע בעלת טובה · איין בעלת צדקה אונ אלץ אין שטילען · ניט וויא איערע ליטוואצקעס דיא סאחרייקעס וואס וואלצעווען זיך מיט פייגע יונגען אין דיא שטאנציענס אונ מיט ספרי תורות להבדיל אין דיא גאסין · פרעגט עס ליגט ביא אונז אין הויף איינע קראנקע פרויא אקיילעקע · פרעגט ביא איר וועט זיא אייך דער ציילין דיא חסדים וואס זיא טוט מיט איר · זיא שיקט איר אראפ צווייא מאל אין טאג טייא מיט צוקער · אונ וואס עס בלייבט פון מיטאג · אונ זעהעט זיך מיט איר גילדין אויך זייער אפט · אונ האט נאך ביז איצונד גיט ארוים געטראטען פון אירעשען גדר · עס איז אין שטוב שבת וויא ביא אלע אידען · אונ אויך דיא זעלבע געריכטען · מען הערט דארטין קיין קללה קיין גראבען ווארט אונ וועד רעט שוין פון אטרייפין ווארט אונ פשיטא שוין איז זיא ריין פון דעם מינדעסטען נאך ריד אונ וויא זיא אזוי אויך ער איז איין טייערער מענטש · איך האב פון אים קיין שלעכטעס געזעהען גראדע אום געקערט · נעמט אויף יעדען מענטשין ליבליך אונ פריינדליך · אונ פערזאמט ניט צו טאן איין טובה אונ לעבט מיט דער פרויא וויא אפאר טויבין · דוא ביסט אחאם פרעג דיר בחרם וואס פרום איז אונ וואס ניט פרום איז · אוי אוי אונ אשטונדע וואלט איך געווען ביא אזעלכע שוויינאיגלען · נור דוא ביסט אויך ניט בעסער פאר זייא · דוא האסט געלעבט אין דיין שקרים שטעטיל צווישין חמורים אונ לעבסט דא צווישין חזירים · ביא אונז אין גאלדינג



motto



רופט מען אזו אפרויא וויא דיין באלעבאסטע איז קופלערין · דאס עס איז איין שאנדע צו האבין איין מגע אונ משא מיט אזעלכע · פאלג מיך אונ טרעט אפ פון זייא · דען אזעלכע לייט וואס דער געוויסען איז ביא זייא שוין גאנץ איין געשלעפערט אונ שטייען אין אשלעכטען בערוף אין דער וועלט פארפעסטען יעדען וואס האט נור איין מגע אונ משא מיט זייא אונ בפרט נאך איין דינסט וואס לעבט מיט זייא אין איין שטוב מען ווערט פאר דארבין אונ צוא ליב זייא אויך זייער שטארק בעליידיגט דאס עס איז שווער דער נאך אשידוך צו טאן דען דער אלטער שפריכווארט זאגט וואס פאר אהער אזו זייען דיא דערשאפט : (* שייטקע) ווען ארינסט מיידיל וואלט דארפין קוקין אויף דעם כאראקטער · אונ אזו אויך אויף דיא פרומקייט פון אירע בעלי בתים · אונ אוים בראקירען דיא אלע בעלי בתים וואס הינקען צו אקאפעצקע אויף זייער געוויסען · וואלטין מיר ניט האבין וואו אקאפ אנידער צוא לייגען · מיר עלענדע קינדער דארפין אין דער וועלט לעבען וויא איין ישיבה בחור · שבת איז ער למשל ביא דעם פער פון דער קהלה וואס מען היט ביא אים אין שטוב גאר ישן · אונ זונטאג עסט ער ביא איין נאם מאן וואס האט ניט אין שטוב אפילו אגאנצע קענדיל אום צו וואשין זיך דער מיט צום טיש · מאנטאג עסט ער ווידער ביא אזוא איינעם וואס מען עסט דארטין קיין דבר מן החי · אונ דינסטאג ביא איינעם נייע מארעשען וואס דארטין איז איינע קריסטין דיא קעכין · אלזו מיר דינסטין דארפין ניט זיין פרימער אלס ער וואס מיינט נאך ארב צו זיין · מיר דארפין דינען וואו מיר קענען קומען צו אשטיקיל תכלית · אונ דער ווייליע אויך גוט לעבין · דען דיא יארין פון דינען ווערין אויך אריין גערעכענט אין דיא זיבעציג יאר אונ ווען מאן נור איין מאל פלאצירט איז מיט דעם נאמען דינסט · קען מען שוין אויף איין שיינעם שידוך ניט רעכענען פיל גלייך וויא מען דינט נור ניט אין אפריידען הויז · איך

brilliant anatomy

diploma

servants must adapt to their circumstances Golding

40-42 brilliant exposé



איך זאג אייך ווען איך וואלט דארפין קוקין אויף דעם האראקטער
פון מיינע בעלי בתים וויא דוא זאגסט האב איך שוין ניט
געדארפט איינע שטונדע ביא זייא זיין · נור וואס גייט עס מיך
אן אבי עס איז מיר גוט ביא זייא אונ מאך דעם גראשין · צו
אזו צו אזו · אונ מיין געוויסען פלאגט מיך ניט דערביא · וויא
זייער געוויסען פלאגט זייא ניט ביא זייערע שטוצקעס :

האנקע) וואס שטייען דיין באלעבאס איז דאך אפרומער
מאן אונ האט אזו איין שם אין שטאט פאר אגרויסין למדן · אונ
זיא אויך איז דאך גאט אונ ציצית איך האב געזעהען וואס
עס טוט זיך פארט מיט איר ביא מצות באקען · אונ ביא
איר אין וואסער גיין · נו וואס קען מען שוין אויף אזעלכע ריידין ;

שייטקע) נון לאזט זיך אוים דאס אייטקע איז פארט
גערעכט לאס דוא ביסט נור אגלאמפ · אמויצקע וואס קאנאיעט
נאך צהויכין קידוש · נאך איין ברייטין שלום עליכם · אונ נאך
מאכין פאלשע חתימות דער צוא איז ביא דיר רעכט · אונ
פאר שטעלין פאר דעם מלוה איין לוה איין בטוח וואס ער האט
אפ גערעט מיט אים פארהער דאס ער זאל באלד אנזעצין אונ
זאלין זיך צו טיילין דער נאך מיט דער סומע פון דער הלואה
דארף עס אזוא זיין ? אונ אזו איז ניט דא דיא וואך וואס ער
מאכט ניט איין ארעמען ערליכען לוה איין טעות אין איין וואך
וואכער · היינט רייסט ער זייא אראפ דיא הויט מיט זיינע פעם ·
אונ מיט זיינע פראצענט · דען ער נעמט ביא זייא זייער פיל
מעהר רוחים אלס ער ניט אוועק דעם מלוה מיט וועלכין ער
האט אפ געמאכט פאר פיל וויניגער אונ איך וואס בין ביא
אים דיא שליח'טע גייא אויך ניט אומזיסט · אמאל שיינקט מען
מיר אגריוונע דאס איך זאל זאגין איך האב אים ניט דער
וויסט · דאס ער איז עפעס ניט געזונט · אונ אמאל גיב איך
אפ וויניגער אלס נעם אפ · אונ מאך אים אכצעהען אונ דרייא
דאס הייסט איין טייצעשען רעכענונג · אונ פארטוסעל אים דעם



long list of econ. misdeeds
accomplice in crime



קאפ דאס ער ווייס ניט אויף וואס פאר אוועלט ער איז · דען
דיזער געשטרייבטער גראשין איז אזו זיינער וויא מיינער · היינט
איז ער אליין איין מלוה ער לייעט נור אויף משכנות · ארום דעם
דרייעט זיך נור דיא באלעבאסטע מיינע · נון איז דער ביא
אנדערע שפיקאלאצעס · מען לייעט אויך אויף געשניפטע זאכין ·
אונ מען איז דורך דעם גרויסע מחותנים מיט האדעסייעס מיט
פאליציישקע · אויך ווערין דער ביא אין שטוב מאנכע בלוטיגע
טרעהרין פאר גאסין ביא דעם קומען ארוים נעמען קורין דער פון
עס איז אשיינע היזעל · אונ איך וואס ווער דער צו געבריכט
אלס ביאהעלפערין פארשטייע זייער גוט אין טריבען צו פישען ·
מיט זיינער הילף איך גרייט מיר אן אשיינע ווירטשאפט · אונ
דער ביא ווירטשאפע איך אליין אין דער קיכע אונ מאך דעם
טאפ פיל פעטער אלס עס דארף עס קאסטען · דען ווער קומט עס
ניט אן צוא אזו איינעם וואס איז איין סרסור אונ איין מלוה ·
קצבים · פישער · מארק לייט אונ אויך בעלי מלאכות · צו וועמען
איך קום נור וואס קויפען בין איך אגוטער גאסט «אהא שייטקע
איז דא» אונ מען גיט מיר דאס בעסטע אונ דאס שענסטע :

לבד דעם · עסין זייא כמעט קיין מאל אין דער היים דען
עס איז ניט דא דער טאג וואס מען בעט זייא ניט אויף בריתין
אויף חתונות · אויף איין סיום · אונ זייא פוילען זיך ניט צו גיין ·
אונ ווען עס איז ביא זייא איין שמחה שיקט מען זייא פון אלעם
טעמען · עופות · פיש · פרוכט אונ משקה · אונ זייען דאהער
ביא זיך גאר צא טא יא · האלטין פון זיך וויא פון שווארץ
יאר · זאגען זיך אליין גוט מארגען דען זייא מיינען דאס באמת
דאס מען אלופקעט זייא נור דארום וואס זייא זייען פיינע מענטשין
אונ פילייכט האבין זייא רעכט · דען דיא וועלט וויל זיין גענארט
אונ ווערט טאקע גענארט מען דארף נור שפילען אפרומע ראלע
אונ ווייטער ניט · אונ דאס קאסט גאנץ ווייניג · אגאנצע וואך
שיקט מען מיך אום אלע פאר נאכט קלייבין אבנין צוא כנתה

צו מעריב פרייטיג באלד נאך האלבין טאג · ערב פסח מאכט מען אן אשטשפע חרוסת אונ מען טיילט יעדען וואס נור קומט · אויך לייעט מען ארעמע כלות פאר זעצטע צירונגען אום צוא פירען זייא שבת אין שול · שבת אין דער פריא קומען קלויזנער צו טרינקען טייא וואס שטייט איבער נאכט אין קאכלע וואס איז בלייבער פאר אליין זוימען מיט שטיקלאך קאנדעל צוקער · אויך איז ערלויבט אלע שכנים צו קומען בענטשין אתרוג פאר דעם דאוונען אונ ער זיצט דאן אונ לערענט מיט נאסע פיאותין דען ער שטייט אויף פאר טאג אונ גייט אין מקוה · אונ זיא אויך שפילט דיא ראלע פון איין צדיקת · זיא פעלט ניט בייא קיין לויה · בייא קיין נחום אבלים · גייט אויס קלייבען נדבות פאר ארעמע כלות איין אייגענעם גראסין אבער לאו דיא בורעקעס :

אונ אזו פארשאפט מען זיך אגרויסען פרומען נאמען אין דיזער שטאט דורך גאנץ וואלוועלע מיטלען וואס באמת איז גאר אין גאנצען דער היפך דער פון אונ בייא אלעם דעם האט עס צו מיר גאר ניט · זייא מעגען זיך זיין וואס זייא ווילען אבי מיר איז דארטין גוט · אונ אזוא געהערט צוא דינקען יעדע קלוגע דינסט מיידעל · וואס מיינט נור גוט מיט זיך אונ זיך גאנץ ווייניג קימערין אום אירע הערשאפט צוא זייא זיינען פרום · קרום אדער דום :

פייקע) זאל מיר אזו איין יאר זיין וויא דוא רעטסט רעכט · דוא ביסט טאקע איין חכמה · נוא ווען דוא ביסט יוא אקלוגענקע גיב זע מיר איין עצה וואס זאל איך טאן מיט מיינעם ארט דען עס איז מיר שלעכט דארטין ווייטער צוא פאר בלייבען · אונ שלעכט אפ צו טרעטין וויא דער שפריך ווארט זאגט «האר קע איזיעסין אזאלקע פאקינאץ» דען מיינע בעלי בתים זייען מיר זייער גוט · אונ דאס געזינט איז אקליינע אונ האבין נאך צו מיר איינג איין שטיב וואס איז ארום דיא פערד · אונ עס איז דארטין איינע זייער פריליכע שטיב · דען עס פארקערען אהין זייער פיל

מענטשין



מענטשין · עס איז דארטין זייער אפט ועצערינקעס · אונ עס מאכט מיר דעם גראסין דען יעדערער לאזט צוא צוואנציג צוא דרייסיג קאפעקעס · דאך אבער וויא געוואונען אזו צו רונען · דען עס מאכט זיך דארטין זייער אפט אזעלכע גאליינע צייטין · דאס מיין באלעבאסטע לייעט בייא מיר אוועק ביז דעם לעצטין גראסין ווייל עס איז אין שטוב ניט דא וואס צו עסין אונ וואס צו בייסין · אונ עס דויערט שיינע עטליכע וואכין ביז איך זעהיג מיר מיט דעם גראסין צוריק אונ דאס אויך ניט אין גאנצען · דען עס איז דארטין ראזאם גוסטע אונ ראזאם פוסטע · אונ אזו קומט מיר נאך פאר איין גאנצען יאר לוין געלט · עס איז שוין אויס געקומען אמאל אזו איינג דאס עס וואר קיינע האבער פאר דיא פערד האט מען זייא געקארמעט מיט ברויט ווייל מען האט עס נאך געקענט בעקומען אויף בארג · אונ בייא אלעם דעם איז מען דארטין פריליך אונ לוסטיג אונ מען האפט אלץ אויף בעסערע צייטין · זייא בערעדען מיך דאס איך זאל טאן מיט דעם הירשקען וואס איז בייא זייא ארום דיא פערד · צהאלבער יונג אונ אהאלבער מענטש ארום זייערע געשעפטין זייא פאר זיכערין מיר דאס ער וועט בייא זייא אשטעלע האבין בייא דעם שפיטאל · נאך דער חתונה · אונ שעמען זיך ניט מיר צוא זאגין דאס דיזער פאל וואר בייא זייא אויך אמאל · דאס זייא האבין אויך אמאל בעידע געדינט בייא איין פאדראציק · האבין זיך גענומען אונ האבין אלזו בעידע קיין חרטה דארויף · האבין זיך דער לעבט אפאר שיינע קינדער · אונ ליבען זיך זייער אונ ווייזען אויס איצונד וויא עפעס רעכטס · וויא געבארענע אריסטאקראטען האבין בעזוכע פון פארנעהמע לייט · אויך קומען צו זייא זייער אפט ציגאונעקעס · נון איז אפילו איין שיינער בייא שפיל פאר מיר · דאך אבער איז איין גרויסער אינטער שייד צווישין מיינע בעלי בתים אונ צווישין יענע וואס וואלען זייערע בעלי בתים · יענע זייען געווען רייך אונ געבליבען רייך · אונ

דא

שפרינג פאלקנער + הנשה !

on upward mobility

artisan class



דא איז מען נאגין גאליונגע · און וויא קען מען האפין צו לעבין פון אזו איינעם וואס איז ניט געווים מיט זיין איינענעם לעבין · און דאך איז עס בייא דעם הירשקען רעכט דאס ער זאל מיך נעמען · און שאצט זיך אריין אין איין גדן זייער פערשפרעכען · נוא וואס זאגסט דוא דארויף שייטקע ? זאל איך זייא פאלגען ? :

שייטקע) מיט איין בעל מלאכה צוא טאן וואלט געוועז אפילו אפולע גלייבער דען מען איז פארזארגט מיט דעם שטיקיל ברויט דאך איז עס זעלטין דאס עס זאל ווערין פון איין בעל מלאכה וואס עס ווערט פון דיא וואס דרייען זיך ארום פאדראציקעס מען מעג זיין אפילו פריער איין יונג בייא זייא אמיליציג דאך מיט דער צייט שפרינגען ארויס פון זייא גרויסע געשעפטס לייט און מען פאר געסט גאר וואס זייא זייען געוועזן · אזעלכע בייא שפילען האבין מיר גענוג דא און אין אנדערע שטעט וואס ווארען פריער בייא פאדראציקעס שטיוועל פוצער און פירען איצונד גרויסע ראלען און טוען גרויסע שידוכים און לעבין מיט זייערע פרויען זייער פריינדליך און אנשטענדיג · און דיזעס ווערט קיין מאל פון איין בעל מלאכה דען ער פאר ברייגגט זיינע יארין און טעג אימער אין זיין חברה אין זיין צעך און אין זיין שניידערשע שולכעל אדער סוסטערשען קלייזעל וואס מען קומט דארטין צו זאמען מיט דעם טרונק בראנפען און מען גייט פארנאנדער מיט דעם טרונק בראנפען · און אלס דיא ווייב רעט עס אים אויס קיילט ער איר דורך דיא ביינער · נאגין זעלטין דאס איין בעל מלאכה בייא אונז דא אין ליטא זאל זיין איין לודצקער מענטש הוין זיין האנד ווערק · אלזו איז מיין ראט אויב דער הירשקע איז נור איין ערליכער און געשייטער בחור און איר געפעלט איך איינאנדער זאלסט דוא דעם שידוך ניט אין לאזען · דער בייא מוט איר דאך עפעס ביידע אביסיל געלט אויך האבין נון קען אזו איינער דער ווילע איינע רעסיזע ארויס שטעלין דער צו נאך בטחון אויף גאט איר וועט ברויט האבין · און

דער



דער צוא נאך איינע גוטע אוים זיכט אויף בעסערעס :

פייקע) און דאס איז ער · ער איז איין גאנין ערליכער מאן און העכסט געשייט · און מיר געפעלען אונז אויך איינער דעם אנדערען · דעם גראסין האבין מיר אויך נור דאס מארין מיר ניט זאגין · מיר האלטען עס פאר שטיקט פון אונזערע בעלי בתים און בעהאלטען וויא דיא קאן בעהאלט דיא קעצליך פון קאט דאס ער זאל זייא ניט אויף פרעסען · דען העטען זייא געוואוסט וואלטען מיר זייא עס מוזען אוועק לייען :

אלע) ווען אזו מזל טוב דיר ! מזל טוב דיר האבען מיר שוין איין חתונה · א מיר קענען שוין אלע טאנצען נון וועלין מיר שוין באלד האבין איינע גוטע געלעגענהייט עס צו בענוצען :

מינקע) אוי אוי ! מיר קאסט דאס טאנצען לערנען גענוג בלוט און גוט · וויא פיל מאל האב איך פארט געהאט המנס קאפ פון מיינער באלעבאסטע פאר מיין פאר זאמען זיך עס איז געוועזן קעפעלעך פיסלעך אלערלייא ! און ריכטע מיך איצונד שוין אויך אויף איין גוטע אויף נאהמע פון מיינער באלעבאסטע פאר וואס איך האב מיך דא אזו פיל פערזאמט :

אייטקע) אזו ? וואס האסט דוא איצונד צו טאן אין שטוב · עס איז דאך שוין פאר נאכט מען דארף ניט קאכען · טייא האט מען דאך שוין אפ געטרונקען · און פאר געוים האט דיין באלעבאסטע געמוזט איצונד אוים גיין :

מינקע) עס איז היינט בייא איר איין געבורטס טאג · איהרע אימעניגעס · נון מאכט מען אגרויסען אווענד איז שוין דא איצונד צו טאן איבער דעם האלדז :

אייטקע) וויא קומט איין באק צוא יארצייט°) און דיין באלעבאסטע

°) אמאל האט דער לייב געשיקט דעם וואלף דאס ער זאל גיין אויף יענעם און יענעם פעלד און ברייגגען אים פון דארטין דעם פעטין באק וואס ווידעט זיך נאגין אליין · דער וואלף איז געגאנגען

באלעבאסטע צו וויסען ווען עס איז איר געבורטס טאג · זיא איז דאך גאר געווען איין שעמערניצע · איין בלינצע מאכערקע · אונ איר מוטער איין נעגעל שניידערקע :

בת שבקע) וואס וואונדערט דיך דארויף · אמעהר זיא האט שוין אויך שפאוטען וויא אלע אריסטאקראטקעס וואס זייען נגידעסטעס פון דורי דורות אונ האבען עס בירושה פון זייערע עלטער

געגאנגען האט דער וויסט דעם באק ווירקליך גאנץ אליין · אונ איז דאך געקומען צוריק מיט ליידיגען · אונ דער צוא נאך גאנץ צו קיילט אונ צו ביילט :

נון פאר שטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס דער לייב וואר העכסט פאר וואונדערט איבער דיזע געשיכטע אונ האט אים (דעם וואלף) זייער שטארק אויס געלאכט «שעמען זאלסט דוא דיך» האט ער צו אים געזאגט «דאס איין באק זאל דיך ביי קומען» · «ער איז מיך ניט ביי געקומען» האט זיך דער וואלף אפ גערופען «שולדיג איז אין דעם נור מיין אידעלעס הערץ · דען וויא איך האב אים נור ערגריפען צוא ברייינגען אים צו דיר · האט ער זיך אן געהייבן צו בעטען ביי מיר דאס איך זאל אים לאזען מאכען מלא רחמים זיינעם פאטער וואס ער האט נאך אים היינט יארצייט · מיין הערץ וואר גערירט פון זיינע קינדליכע ליבע צוא זיינעם פאטער אונ האב עס אים ערלויבט · אונ וויא נור ער האט אן געהייבן צו מאכען עס מיט אגאנץ הויכע באקענע שטימע זיינע · האבען עס דער הערט דיא בויערען אין דארף זייען זייא איבער געפאלען איבער מיך אונ האבען מיר אלזו צו קיילט אונ צו ביילט «ווען אזו» האט זיך דער לייב אפ גערופען ביסט דוא גאך דער צו איין גרויסער נאר · דען וויא פאר שטייסט עס ניט דאס ער האט נור וויא דאס געמיינט · דען זאגסט וויא קומט איין באק צו יארצייט · אזו איז עס צוא לעזען אין דעם זואפס פאבעלען :



עלטער באבעס · אויך איז זיא געווארען איין מיוחסת · דען פיל שיינע בעלי משפחות האלטען זיך מיט איר קרובים זינד זיא איז געווארען איינע אויף געקומענע דער צו נאך קלוג אויך דען מען קומט צו איר עצות פרעגין · נון איז שוין צו גלויבען אויך דאס זיא האט רוח הקודש בעקומען אום צוא וויסען דעם טאג וואס זיא איז אין אים געבארען געווארען · דען צוא וואס ברייינגט ניט עשירות :

שייטקע) א איך וויים אפילע מענשען וואס האבען אין זיך אזו איין געבאהרענע קראפט צו טרעפען אין אזעלכע ענינים וואס מיין מוח קען עס ניט בעגרייפען · אזו למשל צוא טרעפען איין געבורטס טאג · איין יארצייט אונ נאך קען איך מיך ניט אפ וואונדערען עד היום וואס איך האב זעלבסט געזעהן מיט מיינע אויגען עס האט געוואוינט אנטקעגען איבער פון מיין באלעבאס איין אידעל · האט אויס געזעהן אפילו פאר איין פרומען נור ביי אלעם דעם האט ער שוין מעהר אלס צעהן יאר ניט געדאוונט · אונ ביי אלעם דעם האט ער זיך דער וואוסט דאס מען האט ביי אים גענאנוועט דעם טלית אונ תפילין · דאס איז אזו איין כח אונ מער ניט :

מינקע) ביי אלעם דעם · צו איז איין עכטער געבורטס טאג צו איין אויס געטראכטער · פאר מיך איז עס אלץ איינס איך מוז מיך בעאיילען אהיים · אגוטען אווענד צום ווידער זעהען זייך פייקע אויף דיין חתונה · זיא איז אוועק אונ אזו נאך איר איינע נאך דיא אנדערע :

## 3.

### (דיא זיבען ווירטינען אויף איינער האבצייט)

אונזער פאטער יעקב האט געזעהן אין טרוים אלייטער וואס שטייט אויף דער ערד אונ זיין שפיץ גרייכט ביז אין הימעל אונ איינגעלען שטייגען אויף אים ארויף אונ אראפ · אונ איך

זעהע

ועהע אויף דעם וואר וויא עס שטייט אין לייטער איין געקלעמט
צווישן ערד אונ הימעל וואס האט אין זיך מיליאנען שטאפלען
אונ אויף יעדער שטאפעל שטייט אלין איין אנדער מין בעטלער ·
אונ וויל יעדער שטאפעל איז זייער וויים איינער פון דעם אנדערען
קען איך מעהר ניט זעהען וויא זייערע צעהען אדער עלף · אונ
דאך וועל איך דא ריידען אויס מאנגעל אן פלאץ דער צוא אין
דיזער קליינע ווערקעל וויל אונזערע לעזערינע זיינען צוא ארעם
אום צו צאלען פאר איינע אירעשע געשיכטע מעהר אלס איינע
קאפייקען · אונ וועלבסט דיא רייכע גייצט אויך מיט דעם גראסען
דער פאר · דען זיא בעקומט עס צוא לייען אדער אויף גיין געלט ·
נון מוז עס אלזו גאנץ קורץ געשריבען ווערין · וועל איך אלזו דא
מער ניט ריידען וויא פון דיא בעטלער וואס זיצען אויף דעם
פערטען שטאפעל · אונטער דעם שטאפעל אויף וועלכען עס
זיצען דיא מחברים מיט זייערע ספרים · אונ דאס זיינען דער
גאנצער פאק חתונה בעטלער · אזו למשל אבעטער °) · אקליידער
צוא הימער · אבדחן · אפאר בדחן · איין קעבען · איין סארווער ·
אפייקלער · דיא פוסקעם טרעגער · אונ דיא געסטע ווערען אזוא
וויים געשלאגט פון דיזע קליינע פלאגע גייסטער וויא פון ארמארע
(שווארעם) קאמארעם (מיקען) דאס עס פאר גייט זיא דיא לוסט
צו עסען וואס עס קאסט זייא גוט געלט · אונ האבען נאך דער
ביא דיא גרעסטע לאנג ווייל אונ זייען נאך דער צו אונטערוואַרפין
אונטער דער גרעסטין קריטיק · דען דיזע קליינע בלוט זייגער
זייען צו גלייך דיא טאן אן געבער (שטימער) אונ דיא לעבעדיגע

אדרעסנע

°) דיזע אנזייטע איז נאך אין אנזר שטאט זייער מאדערנע ·
אונ עס איז אזו וויים געקומן דאס מען ווערט געבעטען אויף שמחות
וואס זייען הויזע אויטאטען (אויס געטראכטעטע) אום נור בעטער
געלט צוא בעקומען · דען יעער האט צייט צוא גיין אויף אלע
שמחות וואס מען ווערט געבעטען :



אדרעסנע שמאלען פון יעדער שטאט בעריידען אונ בעלויבען
יעדערען נאך זיין נדבה · אום דיזע לוסטיגע פלאגע גייסטער אויס
צו מיידען · האב איך יארען לאנג אויס געמידען יעדער האכצייט
אויף וועלכע איך וואר געלאדען וויא איין פערברעכער מיידעט
אויס דעם געפיינגעניס · אונ דאך וואר איך איין מאל אויף
איינער האכצייט מעהר אום צוא האבען דארטין איינע גוטע
געלעגענהייט אום זיך דארטין צו זעהען מיט אגרויסע פערזאן ·
אלס אום זיך צוא אמוזירען דארטין אונ האב אלזו דארטין אגב
געהאט איינע גוטע געלעגענהייט איין צוא הערען איין געשפרעך
צווישין זיבען ווירטינען פון שיינעם שטאנד איבער זייערע
דינסטען · איך וועל אבער ניט געבען וויא דא מיט זייערע
נעמען · איך וועל זייא דא אן רופען נור מיט דיא געסטען פון
בוכשטאבען · מאדאם א · מאדאם „ב“ · מאדאם „ג“ · אונ
אזו ווייטער איך וועל דא בעשרייבען זייערע רייד וואס וועט
זיין פון גרויס נוטצען פאר ביידע צדדים · פאר דינסטען אונ
פאר דיא ווירטינען :

„א“ צוא דער מאדאם „ב“) וואס איז דיא מעשה מיט אייך
דאס איר זעהט אויס עפעס אזו שלעכט ? דיא וועלט זאגט דאך
דאס אייער מאן מאכט זייער גוטע געשעפטען :

„ב“) עס איז וואהר · איך האב מיך לויב גאט גאנץ
ווייניג צוא בעקלאגען אויף פרנסה · ביא אלעם דעם בלייבט
נאך אקאפעצקע איבער וואס זיך צוא קלעטען אונ צו גרעטען ·
אונ דער צוא נאך איז עס וויא דיא אויגען אויס רייסענדע
פריסציקעס וואס מאכען זיך אין אזעלכע ערטער וואס עס פאסט
ניט צו ווייזען אדער אזו נאר עס צו זאגען איינער דעם אנדערען ·
אונ דאס זייען דיא צרות וואס דיא מאנגעם לייט ווייסען גאנץ
אונ גאר ניט דער פון הייליגע צרות וואס מען ליידעט אויס
פון דיא דינסטען אונ פון דיא דאמען · איך האב איין דינסט וואג
איך אייך וואס זיא ווערט מיך ארין ברענגען אין דער ערד פאר



דער

דער צייט · קודם כל דבר איז זיא איין גנב אין שטוב · איין
גנב אין גאס · אונ גאנבעט דער צו נאך אוועק דעם טאג אויך
אין גאנצען דען שיקט מען איר נור אוועק אין גאס פארגעסט זיא
זיך צוא קומען · אלזו האב איך שוין געוואלט כמה וכמה מאל
אוועק לאזען איר · ווייס איך אבער שוין דאס קיין בעסערע וועל
איך געוויס ניט בעקומען אונ פיליכט נאך איינע ערגערע · דען
דיזע האט אין זיך איין מעלה דאס ווען זיא טוט וואס אין שטוב
ברענגט עס אונטער אירע הענט · זיא קען דעם שווארץ יאר אפ
דרייען דיא קאפ עס איז אין שטוב אלץ ריין ווייא זילבער אונ
פאר שטייט אויך זייער גוט צו קאכען · איך האב געהאט אנדערע
דינסטען וואס איך האב זיא נאך געטוט אונטער ראמען אויס
קלאפצען זיך פאר זייא איין פאס · איין אטעסט · עטליכע זייען
אוועק פון מיר מיט מיינע זאכען אונ ווייס נאך עד היום ניט
גנאו זייא זייען אהין געקומען · איינע עפעס איז אן געקומען אין
אפריידע הויז · נאך שלימער איז ווען אזא איינע שטעלט זיך
ווידער דינגען איך ציטער דער פאר ווייא פאר פייער דען איך
ווייס ווייא עס איז דורך דעם איין גאנצעס הויז פאר אונגליקט
געווארען · על כל פנים איך מוז מיר מיט מיין שטיק צרה האלטען
אונ האב אלזוא פון איר געברענטע ליידען · איך האב מיר היינט
אשטיק לעבען אוועק גענומען דורך איר · איך האב מיר געמאכט
היינט צו מיינע איין מאנטישענעס קלייד אום צו גיין אין איר אויף
דער חתונה האב איך עס דער ווייסט גאנץ בעפלעקט מיט פעטקייט
אונ מיט קירשען זאפט · איך האב דאס קלייד אפשר דרייא מאל
אן געטאן אויף מיין לייב אים נור שפאצירען צוא גיין · נון האט
זיך אויס געלאזט דאס דיא פרוצה האט עס אן געטאן בגנבה
אויף איין אווענד בייא אונזער שותף · אונ האט זיך אין געלארען
אוועק געשלעפט ערגעץ וואו אויף אמירות אונ האט געמאכט
פון דאס קלייד איין אנוצע · אוי איך האב שיער דיא פאקלעקצע

ניט



ניט בעקומען דער פון אונ האב מאקע איצונד אין פנים דער
פון וויא אשטראסידלע :

«אא») אוי אוי ! אונ ווער האט עס ניט פון זייא פון דיא
אידישע דינסטען הארין ברעכעניעס אונ צרות · איך האב וויא
אינטער אונז געזאגט קיין דינסט אין שטוב נור אשארעסטע ·
זייעט זיך פיל געלאנטער אלס מיין טאכטער אונ פערזאמט זיך
בייא דעם שפיגעל מעהר אלס אין קיך · דען זיא האט אשייגע
צורקע אונ איז בייא זיך נאר גרויס אונ דער צו נאך אביין טול
ענטפערט אויף איין ווארט צעהען ווערטער · ועהעט זיך אלע
שבת מיט צעהען חתנים אונ איז אלזוא איינע פון יענע דינסט
מיידלעך וואס מען האט זייא דער האפט דא ניט לאנג אין אונטער
מיט בחורים לערענדיג זיך טאנצען · איך האב שוין געוואלט
לאנג שלאגען מיט איר כפרות הייסט אבער מיין מאן זאל
געוונט זיין ניט אוועק לאזען איר ווייל זיא פאסט אים זייער גוט
אויף · ריינגט אים דיא קליידער · פוצט אים דיא שטיוועל ·
לייגט אים אריין אין דער טאשע אלע טאג אווייסען שנופטוך ·
אונ האלט זייער ריין זיין בירקע מיט זיין גאבינעטעל אונ דאס
זאגט ער עס איז אים ווערט גאר דיא געלט · דען ער זאגט
דאס ער האט נאך קיין מאל אזוא זיבער ניט געלעבט וויא ער
לעבט זייט זיא איז אין גיקומען · אונ האט פאר אים באמת דעם גרעסטען
רעספעקט (דרך ארץ) אוי וואס דיא ווייב האט פון איר אלע
צרות דארויף קוקען ניט דיא מאנען לייט אבי זיא געפעלט אים :

«גע») איך האב איין דינסט אפילו צו דער ליידען פארשטייט
צו קאכען · צו נייען · צו וואשען צו פלעטען אונ קיין פוילערקע
אפילו · דאך בייא אלעם דעם ווער איך פון איר ארויס געצויגען ·
ערסטענס איז זיא אגרויסע פעפערקע ווען זיא איז נור איין מאל
איין געשלאפען איז איר שוין ניט צוא דער וועקען · מען קען פון
אידםיוננען דיא שטוב צוא טראגען · איין מאל זיינען מיר ארוס
צוועלפען געגוקטע אהיים האבען מיר אונז ניט געקענט דער קלאפען

צונ

אונ נים דער רופֿען ׳ עס וואר איין רעגין אונ מיר זייאן דורך
גענעצט געווארען וויא דיא קעץ ׳ דער צו נאך האבין מיר דער
הערט אשמיילענעס האבען מיר שהר געהאט דאס וויא איז איין
געשלאפען אונ האט געלאזט ברענגען דיא לאמפע אויף דעם טיש
האט זיך וואס גענומט וואס אן צינדען ׳ זייען מיר געלאפען צו
איין שלאסער אום ער זאל עפענען דיא טיר צום אונגליק האט
געשטעקט דער שליסעל אין שלאס פון אינעווייניג האט מען
גענומט דיא טיר אויף ברעכען ׳ אונ מען האט דער וויסט דאס
איר קלייד אונ אירע זאקען וואס זיא האט געלייגט אין יאפקע
אויס טריקענען האבען זיך געריבערט ׳ אונ עס איז געבליבען
פון דיא אדרישעל עס האט געקענט אזו דיא שטוב אוועק זיין ׳
צווישענס פאר שטיים זיא גאר נים פון דער ווירטשאפט עס
ניט אוועק ביא איר האלין גאר אפראפאט זיא פאר ברענט
דיא הויט פון מיר ׳ ברויט ווערגערט זיך אין אלע ווינקעלעך
דער לאבען ברויט בלייבט אימער אם נעדעקט ׳ אונ פליגען
בעשמוצען אים פון אלע זייטען ׳ אין הערינג בלייבט ליגען
אויף דעם זון דאס גלייבען פוטער ׳ דרישענס האט זיא נאר קיין
קאפ נים זיא געדיינקט נים וואס זיא האלט אונ וואו זיא לייגט
וואס אנידער איך האב שוין גענומט צו מאכען נייע שליסעלעך
צו דעם הויז אלטער צוא דעם קעלער צוא דעם סקלאריק פון
האלין ׳ זיא געדיינקט נים דאס זיא האט שוין איין מאל געזאלצט
דעם טאפ אונ זאלצט אים נאך איין מאל אונ מאכט מיר אן
אלע ווילע שאלות ׳ דאס מישט זיך איין פליישיגע לעפעל
צווישען מילכיגע לעפעל ׳ אמילכיגע צווישען איין פליישיגע ׳
לבד דעם איז זיא איין גרויסע פלאפערקע דער ציילט פאר דיא
שכנים אלין וואס עס טוט זיך אין שטוב אונ דאך ווילט זיך
מיר נים אוועק לאזען איר ׳ דען וואו קריגט מען איין בעסערע
בפרט נאך דאס איך ווייס דאס זיא איז אנאנגען עהרליכע קיין
גנב קיינע נאשערקע :





«רע») וואס איך בין אויס געשטאנען פון דינסטען זאל עס
קיינעם נים צוא קומען איך בין פון דיזער חברה שיער נים אין
דער ערד ארין איינע האט מיר בדלות געשטעלט ׳ איין צווייטע
האט געהאט אלובאיזניק אונ פלעגט אים צו שטאפען אונ קראפען
אונ פלעגט זייער אפט ביא איר צו נעכטיגען זיא פלעגט צוא
זאגען דאס ער איז איהרער איין ברודער אונ דער נאך איז דער
סוד האט זיך ארויס געוויזען האט זיא געזאגט אויף מיין מאן
אונ עס האט מיר געקאסט דיזע געשיכטע בלוט אונ גוט אונ
היינט דיא בזיונה דער צו ׳ אדריטע וואס וואר אגרויסע חצופה
איז אמאל אן געקומען מיין מאן זייער גראב דאס ער האט איר
אפאן געטאן האט זיא זיך געמאכט קראנק אונ עס האט זיך
באלד געפונען איהרער איין קרוב דער שווארץ יאר ווייס אים
עפעס אהארעסטיע האט ער זיך פאר איר באלד אן גענומען
אונ האט אונז געמאכט איין גאנצען פראצעס אונ האט מיר אויס
געבראכט אפשר פופציג רענדלעך אונ בין קוים פטור געווארען
פון איר ׳ איין פערטע וואר איין גרויסע שאדנעצע האט מיר
אן געמאכט היזקות גאר אן איין שיעור ׳ איין מאל איז ארין
געקומען צו מיר אין שטוב עפעס איין ווייבעל אונ האט געפרעגט
ביא מיר צו איז ניט דא ביא אונז עפעס אלטע שבזארג אודער
צובראכענע געשיר (כלים) «דער ווילע נאך ניט» האב איך איר
געענטפערט נור אויב איר ווילט איין ווילע ווארטען וועט איר
עס באלד האבען דען ביא מיין מאן קען עס באלד ווערען ׳
דיזע חצופה מיין מאן האט דאן געוואלין דיא פענסטער וויא
זיא האט עס דער הערט האט זיא דער שווארץ יאר ווייס אז
מיר דאכט דאס זיא האט עס אומיסטנע געטאן ארויס גלאזען
פון איר האנט איין גאנצען האלבען פענסטער וואס זיא האט
געוואלט ארין שטעלען דאס היישט אן מאן אויף דיא קריצקעס
אונ ער איז ארונטער געפאלען פון אויבערסטען גארען אויף דער
ערד אונ האט צום אונגליק געבראכען איינע ארעמע ארענע

וואס איז אונטען געשטאנען מיט לייטענע טעפּ · דיא אידענע
האט זיך בעגאסען מיט בלוט · דען זיא האט איר געטראגען
אין מוח אונ האט נאך דער צוא צובראכען דיא טעפּ · עס איז
געווארען איין גרויסער איין געלאף · אונ ווי דיא רצופה האט
זיך ארויס געכאפּט פון שטוב מיט איין קאשיק און האנט איז
ארויס פון הויף דורך הינטער פערשטעל האט זיך אריין געכאפּט
אין איין הינטער געסעל האט געקויפט דארטען אמאס קארטאפעל
אונ האט זיך אום געקערט צוריק דורך דעם אנדערען עק גאס
אונ איז אן געקומען אויף דעם לארעם דארטען וואו עס איז
געשעהען דאס אומגליק גלייך ווי זיא וואלט קומען ערשט פון גאס
אונ האט אפּ געשווארען שטיין אונ ביין דאס זיא ווייס גאר ניט
פון וואס צו זאגען · אונ האט זיך נאך פאר דעם עולם אין דיא
אויגען אויף מיר געבייזערט פאר וואס איך האב ניט געווארט אויף
איר מיט דעם אריין שטעלען דיא פענסטער וויא עס גאר מיר
ווירד אונ וויא האב איך מיך ניט געקענט אפּ וועהרען פון לאכען ·
דאס וואר עס אביסעל פאר שטאבענע אויגען :

דער סוף וואר דאס איך האב געמוזט בעצאלען פאר דעם
שארען אונ דיא אידענע בעפרידיגען · איך האב נאך געשעפּט
גליק וואס עס האט זיך געטראפען איינע ארעמע אידענע ·
וואלט עס טרעפען חלילה עפּעס אין לייטישען מענשען וואלט איך
בהלות געווארען דער פון · פון יענער צייט אן האב איך מיר
שוין פאר גענומען וויא דער אויבערשטער וועט געבען איך וויל
שוין קיין דינסט האלטען · דער שטראז טראגט מיר וואסער ·
האלץ · גיסט אויס דיא פאמוניצע · אונ ווייטער האב איך איינע
איין גייערקע אונ קום אויס אן איין דינסט וויא אויך עס איז מיר
שווער דאך בין איך זיכער מיט מיין ערדע מיט מיין געזונד אונ
מיט מיינער גאנצע ווירטשאפט · אבער נייז איך ביסלעך וויים צו
מיין טאכטער'ל זאל געזונט זיין אין קוך אונ צום ריינען דיא
הייזער צו פאר ריכטען דיא וויים גרעט · אמאל פאר שפארע איך





מיט איר איין גאנג אונ וויא וועט דורך דעם זיין מיט דער צייט
איין גוטע ווירטין · א הלואי וואלטען עס מיר נאך מאן אלע
אונזערע אידישע טעכטער וואלטען זייא געווען פיל ריכער אונ
געזינטער אונ מכל שכן דאס מיר ווייסען ניט וויא זייער מזל וועט
אויס טראגען · איך האב געלעזען איין געשיכטע דיא דינסט מיידעל
קומט דארטען פאר וויא איין גבירעשע מיידעל איז אן געקומען
צום דינען · אונזערער אידישער לעבען איז איזא רעדעלע וואס
דרייעט זיך דער שטאפעל וואס אונטען קומט ארויף אויבען אונ
וואס אויבען קומט אראפּ אונטען אונ קיינער דארף זיך ניט ריכטען
אויף איין כבוד · נור אונ דער מיט זיינען געבענטשט דיא טייצעשע
טעכטער זייא וואשען זייא קאכען נייען אונ העלפען זעלבסט
האבענדיג צו צווייא דרייא דינסטען אין שטוב :

פארוואס האט) נון מוזט איר שוין אויס הערען מיינע צרות
וואס איך האב געהאט דא נים לאנג פון איין דינסט עס איז אן
געקומען צו מיר איין נאכן שיינע דינסט מיידעל · אויך זאג איך
איך איין קליינע הכנס קאפּ האט זיא אויך זיך גענומען אונ וואר
נער צוא איין גרויסע בריאה · זיא גאר אקורלענערין אונ וואר
דער צו איין גרויסע צוכט אונ האב מיך אליז געפרייט דאס איך
האב בעקומען וואס טאכטער · נור דיזע פריידע האט נים לאנג
געדויערט דען אין אפּאר חדשים ארום האט זיך אן געהויבען ארויס
צו ווייזען פעלערן · אלערליי פעלערן וואס אונזערע לאטווישע
מיידלעך ווייסען גאר ניטס דער פון · ערשטענס האט זיא אן
געהויבען צו פאר קלינגען דיא שטוב מיט איר נים קעלכעלע ·
פלעגט אויס צו זינגען אלע טעאטער שטיקלעך דאס עס פלעגט
וועהרען דערלעך ארום שטוב עס צוא הערען · צווייטענס איז זיא
געווען אזא גרויסע אקטארקע פלעגט נאך צו מאכען רעדערען וויא
ער שטייט וויא ער גייט וויא ער רעדט וויא ער עסט דאס מען
פלעגט פּלאצען פון געלעכטער · איין מאל האט זיא מיר געשילדערט
אונ פאר געשטעלט איהר פארינע באלעבאסטע ווייזט מיר אן

געדערעם געבליבן לאבענדיג · שענער פאר אלץ איז מיר געפעלען איר דער ציילן מיט איר געשליפענעם צינגיל וויא איר באלעבאסטע פלעגט אן צו געסטן געסט וויא עס איז צוא געגאנגען ביא איר דיקטירען אריסטער פאר דעם בעטער וואס זאל בעטען אויף איר טאכטערס חתונה זיא האט מיט אים געקנעלט אגאנצען טאג ווען ער זאל בעטען אויף איין אמת און ווען אויף צוא פלייסען און ווען ער זאל נור נייזען דאס ער שטייט אין רייסטער און וועט קומען באלד אים בעטען און זאל אים דער נאך ניט בעטען :

איך האב דער ביא אפילו געלאכט ווייער שטארק דאך האט עס מיר געשטאכען אין צעהענטען ריפ · ווען איך האב ביא זיך געטראכט דאס זיא וועט פאר געוויס אזו מאכען אויך פון מיר אלס זיא וועט אן קומען אויף איין אנדער ארט · אם לעצטען בין איך געוואר געווארען דאס זיא האט אמאל גערעדט ביא איין פרחן וואס זיא פלעגט צוא זיין ביא אים איינע מיט שפילערין ביא זיינע אן שטעלען אויף חתונות אין פרעמדע שטעט ער פלעגט איר צוא פיהרען מיט איין פאר שטעלטען בחור אלס אפאר מארשעלאק :

הײנט האט זיא געהאט נאך איין חסרון דאס זיא איז געווען איין גרויסע נאשערקע עס פלעגט ניט צו זיין צוא שטעלען און צו לייגען פון איר · איבער הויפט פלעגט זיא מיר בדלות צו שטעלען אין דיא לאבונגען און פלעגט דער ביא אפ צו שווערען שטיין און ביין דאס זיא ווייס ניט פון וואס צו זאגען · נון האב איך איר אמאל איין שיינע שטיקע געשפילט · איך האב אנידער געשטעלט אין אלמער אויף דעם ארט וואו עס איז געשטאנען אשלויא מאלענעס שאק אשלויא מיט ריינעם ווענעמין און האב עס ווייער שיין פאר בונדען וויא דיא איבעריגע שלויעס קאנפעטורען · און זוא וואס זיא האט געהאט מן המתם איין נאך שליסעל צו דיזעם אלמער האט געטאן איין שמארקען זופ דער





פון דאס זיא האט זיך פאר חלינעט אזו שטארק דאס איין צייט האט זיא ניט געקענט דעם אטעם אפ ציהען דאס זיא האט שוין קיין צייט געהאט צוא צו מאכען דעם אלמער און האט זיך ארויס געחאפט צום פלוטש אום אויס צו שווייקען דעם מויל דאס האט איר אבער גאנץ ווייניג געהאלפען מען האט געמוזט שיקען באלד נאך אדאקטער און ער האט איר געגעבען צום ברעכען און האט אלזו איין גאנצע נאכט געבראכען מיט זעגעכין דער צו האט מען געמוזט מאכען עטליכע מאל דעם קאמאואר און פון יענער צייט אן איז זיא געוועזען וויא אונטערען וואנט און האט ניט געקענט קוקן אויף ריינע זעגעכין מיין איך אויף קאנפעטורען און האט באלד נאך דעם אפ געטראטען פון מיר אלזו וויא איך זעהע איין איז אונטער זייא ניט איינע איין רעכטע דא :

מאדאם (וע) און איך האב איינע אנדערע פלאגע ווען איך וואלט געווען אחסידאצקע וואלט איך געפארען צום רבין דעק עס פיהרט זיך ניט ביא מיר (ניט פאר איך געדאכט) קיינע דינסטען גאר דורך אנדערע סבות וויא האבען באלד חתונה · פאר אאר דרייא איז אן געקומען צוא מיר אמיידעל פון איאר אכטצעהען אפילו איין שטיקעל בעריעזקע וויא וואר ביא מיר קוים דרייא חדשים איז געקומען אידערע איין מוטער און האט איר אפ גענומען «עס הערט זיך ביא אונז אין שטעטעל» האט זיא מיר געזאגט וויא איין כלה (דאס הייסט מען וועט ניט לאזען קיין מיידעל חתונה האבען פאר דרייסיג יאר) וואס איך האב מיט איר איין גערעט דאס דאש איז איין ליגען האט עס דאס אלין ניט געהאלפען און זיא האט איר אפ גענומען :

איך האב גענומען איין אנדער דינסט מיידעל וואס וואר אלט איאר פופצעהען זיא איז אפ געוועזען ביא מיר אפערטעל יאר · ברוך הבא עס איז געקומען אטאטע ניט אנדערס זיא זאל מיט אים פארען · ער וויל איר חתונה מאכען «שטיין האב איך אים געזאגט וואס איז דיא בייזע היילענעס זיא איז דאך נאך

אזו יונג וואס וועט איר פאר זאמען? א האט ער זיך אפ גערופען איך האב וויא וואס צוא פאר זאמען איך האב איין ברודער פון איאר אכציג וואס וואוינט אין פוילין אונ האט קאנגעס °) אונ דארטין איז דיא געוועטצע דאס מער ניט וויא איין ווייב קען ירשנן דיזען זכות; נון ליגט ער שוין אויף איין טויטע בעט וויל איך איר חתונה מאכען מיט אים דאמיט עס זאל איר פאר בלייבען דיא קאנגעס וועט זיא בלייבען פאר וארגט צייט זיא וועט לעבען אונ דאהער איז מיר איין מינוט אויך טייער דען דער טויט ליגט אים אויף דעם נאז;

איך האב גענומען איין דריטע מיידעל האט זיא זיך אויף דער דריטע וואך פאר ליבט אין דעם סאלדאט וואס האט געגעסען בייא מיר שבת אונ האבען בייא מיר אין שטוב חתונה געהאט איך האב גענומען איין פערטע איז זיא בייא מיר געוועזן שוין איין האלב יאר אונ איך בין געוועזן אזו גאר צופרידען מיט איר מיט אמאל קומט איין קאראבעלניק וואס ווער ווירקליך איהרער איין חתן אונ האט אויך חתונה געהאט מיט איר בייא מיר אין שטוב· איך האב איין פינפטע גענומען איז צוא איר אין צייט עטליכע מאנאטין אמאן געקומען אונ האט איר צו גערהאפט וויא דער טייוועל דעם מלמד אונ אזו האלט זיך בייא מיר קיין דינסט איין עד היום;

מאראם זע) זאלט איר זע וויסען מיינע פריינדינען דאס
איך

°) אין פוילין ווער דיא געוועטצע פאר איניגע יאר דאס איין איד האט ניט געטארט האלטען קיין שיינק לבד דער וואס האט עס געקויפט אקאנגעס (ערליובעניס) פאר שווערעס געלט· אונ דאס אויך מיט איין געוויסען צאל· יעדעס שטעטיל האט ניט געטארט האבען מעהר אלס צוויא אידעשע שיינקען· אונ דיזען זכות האט מער ניט וויא איין ווייב געקענט ערבען· געצאלט ווער דער פאר נור איין מאל;



איך בעגייא מיר אין דיזער זאכע פיל מעהר פארזיכטיגער פאר איך אלעמען עס איז שוין פופצעהען יאר נאך מיינער חתונה· אונ האב ערכט דיא דריטע דינסט וויל איך בעגייהע מיך אין דער זאכע וויא מיינע עלטערן בעגייהען זיך· איך נעם איין מיידעל וואס איז ניט עלטער פאר אכטצעהען יאר וואס האט ניט אנדערס וויא איין רונגעלארען פאס אונ וואס דער דאקטער מיינער קאזירט מיר דאס זיא איז געזונט אונ ציכטיג· אונ דאן שרייב איך מיך מיט איר אפ אין דער פאליצייא דאס זיא מוז בייא מיר אוים זיין גאנצע פינף יאר באם איך וויל איר האלטען אונ איך מוז איר געבען עסען טרינקען שוכען קליידען אונ ענדע פינף יאר מוז איך איר געבען הונדערט רובל בארעס געלט אונ איינע באלעבאטעשע אויס שטאטונג· דאס הייסט בעט געוואנט וויים גרעט אונ קליידער וואס עס קען ווידער קאסטען בערך ארובל זעכציג אדער זיבעציג· אונ באם עס וועט פעלען איין טאג צו דיא פינף יאר דארף איך איר שוין קיין גראשען געבען· נון זאלט איר אביסעל זעהען וויא מען דינט עס מיר שצירע אונ וויא מען האלט עס מויל דען גיט ציטערט פאר דיא לוין געלט אונ פאר דיא אויס שטאטונג. אונ אין מיינער זייטע בעגייא איך מיך מיט זייא זייער בראוו איך לערנען זייא מיט גוטען אונ מען פאלגט מיך אונ זייען אלזו איינע פון דיא אנדערע העכסטע צוא פרידען צוויא האבען שוין אזו פון מיין שטוב חתונה געהאט אונ זייען ארוים פון מיר מיט אלס דאס גוטין וויא טעכטער פון עלטערן אונ האלטען מיך נאך טייערער אלס זייערע מוטערס אונ האבען זיך גאנץ גוט;

אלזוא זעהט איך איין שוין ווען מען פאר שטייט צו זיין איינע געהעריגע באלעבאטטע האט מען שוין געהעריגע דינסטען מען דארף זיך ארום זעהען פאראוים ווען מען נעמט אונ מען דארף זיך אויך בעווארענען דען אין דינסט נעמען איז אויך איין עסק וויא איין שידוך מען מוז זיך פריהער גוט ארום זעהען· אונ
פאר

פאר שטעלען איר פאר אוים איין גוטען תכלית דאן ועט איר
האבען צעהען פאר איינע וואס וועלען זיך אן חאפען אן אייך :

ה.

## „נאך איין עטוואס"

אום איך ווירטינגן אונ דינסט מיידכען איין צו לייכטען
(פערשטיין צו געבען) וויא יעדער פארטייע פון אייך איז צו פיל
איינזייטיג דאס הייסט דאס דיא ווירטינגן פאדערען צוא פיל
מאנכע מאל פון זייערע דינסט מיידכען · אונ דינסט מיידכע
פאר לאנגען זייער אפט צו פיל שוינונג פון דיא ווירטינגען · איז
מיר נאך ניט געגעגענד פאר אייך דיזע צווייא געשפרעכע פון
דיזע ביידע צדדים · איך טו אייך נאך איינע קליינע געשיכטע
דער צוא צו לייגען וואס האט געטראפען אין אונזער שטאט אלין
אונ וואס עס זאל אייך ביידען דינען פאר איין שיינעם ביי
שפיל דען ויא ועט אייך בעלעהרנען דאס איינע ווירטין דארף
האבען איטער אין זינען וויא עס צו מוטה איז אייגעם קינד וואס
קומט אן צו דינען אונ דאס מ״ע איז מיט איינגע קינדער ניט
בעוואהרענט דער פון אונ רייכט נאך מיט זיך זעלבסט · דען
אונזערע חכמים זאגען „גלגל חוזר בעולם" דיא מערכה דרייט
זיך וויא איינע רעדעלע אין דער וועלט · אונ אזו האט געזאגט
איין מאל איין תנא צו זיינער פרויא „גיב דעם ארעמען וואס
שטייט ביי דיינער טיר וואס צום ניכבסטען דאמיט מען זאל
דיינע קינדער אויך ניט לאזען שטיין אלס וויא וועלען אן קומען
צו דעם בעטעל שטאנד דען עס איז קיין בעשטענדיגעס דא אין
דער וועלט" · אונ וויא שלמה המלך האט געזאגט „אם גר לדור
ודור" זעלבסט איינע קראנע איז אויך ניט אויף איטער אונ
אייביג אונ ועט ווידער בעלעהרנען דאס איינע דינסט מיידכען
זאל זיין געהארכזאם טרייא אונ פלייסיג אונ זיך איטער פאר
שטעלען דאס דיא זעלביגע וועט וויא אליין אונ זעלבסט פארערען



פון איהרע דינערשאפט אלס זיא ועט ווערען איינע ווירטין וויא
דיזער פאל געשעהעט זייער אפט · אונ בזכות דעם איז מען טאקע
זוכה עס צוא ווערען וויא שלמה המלך האט געזאגט „נוצר תאנה
יאכל פריה ושומר אדוניו יכבד" דער וואס היט אפ דעם פייגען
בוים געניסט נאכהער זיינע פרוכט °) אונ דער וואס היט אפ
זיינעם הערען ווערט דער נאך אליין איין געעהרטער מאן :
אונ דער גאט וואס האט דעם דוד געמאכט פאר איין קינג
ווייל ער וואר איין טרייער הירט · אונ אזו משה פאר איין פיהרער
ווייל ער האט געשוינט זיין שווערס לעמער שטייט שוין אין קרעדיט
צוא לויגען יעדעם טרייע אונ פלייסיגע דינסט דען ער בלייבט
ניממאנדען שולדיג וויא אונזערע חכמים דרשנען אין מגלת אסתר
אויף דעם פסוק „ושער ראשה כעמר נקא שאין לכל בריה אצלו
כלום" דאס הייסט דער פסוק זאגט „דיא האר פון נאטעם הויפט
איז זויבער וויא ריינע וואל" זאגען זייא דאס דער מיין דער פון
איז דאס נימאנד האט וואס צו שטיין ביי אים דאס הייסט עס
קומט קיינעם פון אים °°) אונ ווייל איך בין קיין פרעדיגער דא
נור איין געשיכטען ערצייהלער קעהרע איך מיך שוין אום צו דעם
לויף פון מיינער ערצייהלונג · וואס זיא איז צוואר קליין דאך זייער
שיין · אונ האט איין טיפען זיין :

אלס

°) עס איז זייער שווער אפ צוא היטען איינעם פייגע
בוים ווייל זיינע פרוכט ווערען ניט צייטיג אויף איין מאל אונ
יעדעס פייג מוז מען באלד ווען זיא ווערט צייטיג שוין ארונטער
נעמען פון בוים זאנסט ווערט עס פאר וועלקט :

°°) דען עס וואר דיא זיטע דאס דער גלויביגער
(מלוה) האט גענאמען דאס רעכט צו פאר קויפען אזו גאר דיא
האר פון דעם שולדנערס קאפ · אונ דער פון וואקסט וואס מען
זאגט ער האט ניט אזוא פיל האר אויף דעם קאפ וויא פיל ער
איז שולדיג :

אלס נאפאליאן דער ערסטער האט צום ערסטען מאל דער
וועהען דיא גרויסע אידעשע בעפעלקערונג אין אילון האט ער צו ליב
דעם איר (דיעזע שטאט) איין נאמען געגעבען "דיא ליטהויעשע
ירושלים" אונ דיזער נאמען איז איר געבליבען אין דיא מיילער
פון אלע אונזערע אידעשע שריפטשטעלער (מחברים) "ירושלים
דליטא" אונ נאך איז קיין נאמען צו קיינער זאך געגעבען געווארען
טרעפענדער אלס דיעזער דען אונזער שטאט אילון ראיונאיעס
(פערגליכס) זיך ווירקליך אזוא וויט ציא ירושלים דאס איהר
געפייערטער פראפעט ישעיה הנביא קען אין איר (אין אילון)
גאנץ געמיינליך פארטראגען זיין ערסטען קאפיטעל פון זיינעם
ספר וואס ער האט פארגעטראגען אין זיינער געבורטס שטאט
(ירושלים) דען זיא איז שוין ניט מעהר וואס זיא איז געוועזען
אמאל׳ איהרע אלה איינוואוינער (דיא אלטע אונ עכטע איין
געבארענע אילונער) וואס האבען זיך אין דער אידעשע וועלט
אויס געצייכענט מיט זייערע אידעלען תאראקטערען אונ מיט
זייערע פיינע °) זיטען האבען זיך שוין בענאהע גאנץ פערלארען
מיר האבען שוין אזו פיל אילונער אין אונזער אילון וויא פיל
מיר האבען טייצען אין אונזער טייצעשע גאס אין גרויסער טהייל
פון זייא זייען אויס געשטארבען׳ אנטער געגאנגען פערדריינגט
געווארען דורך פרעמדע אנקעמלינגע אונ דיא יונגער דיא
נאכקאמענשאפט פון דיא אלטע אילונער בילדען זיך אויס אונ
צו שיטען זיך איבער גאנטס וועלט׳ אונ דיא אילון איז איצונד
צוא בעטראכטען בעצוגליך דער יודען נור (איקאמנאשענע
עיר־ייעיר) אלס איינע באטויענע יאמא (שלאמטרובע) וואס ווערט
אבגעלייטעט

°) אלס ר׳ יעקב ווילנער ר׳ יעקב עמדענס זיידע איז
אנטלאפען פון אילון האט ער געשריבען אהיים דיעזע ווערטער
(בכל אשר נפתי היתה לי נפשי לשלל באשר כי שם ווילנא
נקרא עלי) :



אבגעלייטעט (פראיווואדים) אין איר דורך פערשידענע קאנאלען
דער שמוץ דיא ארמוטה דאס פינסטערע אבער גלויבען אונ דיא
גרעסטע פערוואָרפענהייט פון אלע ארומיגע שטעט פון פערציג
פופציג מיילען וויא איך האב מיך שוין אויס געדריקט אין
דער ערציילונג פון דעם יאנציצער ארעם בחור דאס אלע ארומיגע
שטעט קינדלען אויף אילונס רעכענונג מען קומט אין איר אויס
צו קורירען צעריסענע טוגענד׳ אויס צו וואשען איינע בעשמוצטע
עהרע איינעם בעפלעקטען נאמען אונ אזו גאר מאנכעם מיידכען
אום זיך צוא ענטבינדען פון איינעם זיין מאנאטליכען לאסט אונ
דיא אילונער צדקה גדולה טוט איינע אמע דינגען פאר דאס
אונטער געווארפענע קינד דען וויא איך זיא (דיא שטאט אילון)
האט שוין פיל פון איהרעם אידעלען תאראקטער פערלארען איז
זיא נאך איינע גרויסע צדקה שטאט אונ האט נאך ביז דאטע
קיינע אנדערע שטאט בעלאסטעט מיט איהרעם איינעם ווירקליך
איין געבאהרענעם בעטלער׳ דען ערסטענס איז זיא אים אליין
גענוג וואו צו בעטלען׳ אונ צווייטענס ווערען איהרע קינדער
שוין ווייניגסטענס אזו גוט ערצויגען דאס ער דארף קיין בעטלער
זיין דען עס ווערט אים געלערענט איין חכמה אדער איין מלאכה
אונ דיא וואס שלעפען זיך אום איבער דער וועלט אונטער דעם
נאמען אילונער זייען קיינע עכטע אילונער ער וואר נור פאר
געווים איין ניט היגער שנארער וואס וואר איין שבת בלעט אין
אילון אדער איין טעג פרעסער אין אילון אונ רופט זיך אן אויף
איר נאמען אום נור זיך גילטיגער צו מאכען אויף זיינער בעטלער
וואנדערונג׳ דען דער נאמען אילון קלינגט זיס אין דער
ווייטער וועלט :

איך האב מיך מיינע לעזערין איין עטוואס ווייטער צוא
פיל פאר רעט אונ בערייע עס ניט׳ דען עס זייען עס קיינע
לעהרע רייד אונ קעהרע מיך אלזו אום צו מיינער הויפט ערציילונג :
אונטער דיא אונגעבעטענע אונ לוסטיגע געסטע וואס
אונזערע

אונ ביא אלעם דעם זייען זיא אין איין קורצע צייט ניט
דיא לעצטע געוואָרען פאסלעדיגען אין אונזער שטאט· דען דא אין
אילן אוואנסירט מען (שטייגט מען) זייער געשווינד אונ אויך
זייער לייכט מיט עטליכע לײדיגע שאלות אין איין חודש ביא
דעם מורה הוראה · מיט איין מנין מאכען ביא זיך אין שטוב ·
מיט איין גבאי ווערען אין אקלייזעל · מיט חרוסת אוים טהיילען
ערב פסח ווערט מען שוין איין רעכטער אידעשער מענטש · מיט
איין ספר תורה שרייבען אונ מיט איין מנין קלייבען אויף דעם
שול הויף צו מנחה גדולה ווערט מען איין האלבער קדוש אונ
מיט ארעכטע פובליצנע נדבה ווערט מען שוין גאר איין געהייבענער
אונ אונזער איציק לאהוויץ (אזו האט געהייסן אונזער האטעלסציק)
וואס האט עס געוואלט ווערין האט נאך מעהר אלס דיזע ערפראבטע
מיטלען געברויכט· אונ דיא פרויא פון איהרער זייטע (מצדה) האט
אויך ניט פערזאמט נאך צו שפילען דעם מאנס ראלע אונ האט
זיך אוים געצייכענט מיט מאנכע קליינע ווייבערשע טוגענדען
למשל מיט בעצייטען ליכט צו בענטשען (אום צוא קענען שוין
בעצייטען מחלל שבת זיין) אונ אזו מיט מאנכע דקדוקים ביא
איר טבילה גיין מיט תחנות אפין פוד מיט קליינע נדבות
פאר ארעמע קינפעטארען מיט לאבונגען אוים צוא טהיילען פאר
ארעמע קראנקע נאנין גענוג אום צוא געווינען דער מיט איין
פעבעל (עולם) אונ אום צו מאכען אים פערגעסען דאס עטליכע
אידעשע פאמיליען זייען געבליבען אין פרוים דורך זיא אונ
דאס עס גייט ניט אזו געהעריג מיט איר זעלבסט צו דען איין
פעבעל איז וויא איין קינד לאזט זיך גיך איין ריידען לייכט
בעפרידיגען דורך מאנכע קלייניקייט אונ ווידער וואו עס איז
נוגע צו פרנסה ווערען פילע אונרעכטע מיט גרוים נאבזיכט
(ווייבאצענע) בעטראכטעט · אזו למשל עס זאל איינער מאכען
דעם אנדערען איין ראנאס אונ בפרט נאך איין לאונעם ראנאס
ווערט עס געהאלטען פאר אגרויסען פערברעכען אונ דיא גרעסטע





אונזערע איידעלע שטאט אילון ווערט פון זייא געפלאגט וויא
דיא אסטאינדער פון דיא ביסיגע מאיסקעטעס (שטענגעגע מיקען)
זייען אן געקומען קיין אילון אין דיא צייטען פון יעקעלע דעם
גאלד שלעגער איין פאר פאלג פון אווייטע שטאט מיט איין פאר
קינדער זיא ווער שוין וויא איינע פענוס (דיא געטין דער ליבע)
אונ ער וויא איין יאזעף אוים עגיפטען אונ דער צו זייער רייך
אונ האבען בעצייכענט זייערע ערסטע אריין טרעטען אין איר
מיט איין גרויסעס אונרעכט דען זייא האבען אוים געדונגען איינעם
אידעשען איינפאר הויז האלטער (האטעלסציק) וואס ווער מיט
איין גרויסע פאמיליע אונ דער צו נאך עטליכע אנדערע בעלי
פרנסות · דאס הייסט זייא האבען אפ געדונגען איין גאנצען הויף
פון איינעם קריסטליכען אייגענטהימער אונ האבען נאך דער צו
ארוים געזעצט איין אידעשען מוהגראבע וואס האט דער פון
געלעבט כמה יאר אונ האבען געמאכט דארטען איין גרויסען
האטעל אונ עס האט זייא אן געהייבען צו גיין זייער גוט וויא
דער אלטער שפריכווארט זאגט וויא איין רשע אויף דער וועלט
קיינער האט ניט געוואוסט ווער זייא זייען אונ פון וואנען זייא
זייען אונ ניט איינער האט עס גאר געוואלט וויסען דען אין
אונזער ליגאנרע קימערט זיך נאגין נייניג איינער אום דעם אנדערען
ווייל יעדערער האט גענוג ארום זיך אליין צו טאן :
עס האט זייא אן געהייבען צו גיין זייער גוט אונ נאכהער
אויך זייער ניט אונ עס איז אויך קיין וואונדער דען וואס נאך
קען אזוי אן ציהען געסטע אין אשיינעם ווירטס הויז וויא אשיינע
ווירטשע אונ דער צו נאך איין שיינע פאמאזעניצע איך מיין איין
שיינע דינסט פרויא וואס זייא האבען מיט זיך געבראכט זיא ווער
שוין צוואר ניט מעהר בליהענד יונג דען זיא ווער פיל עלטער פאר
דער ווירטין דאך גענוג נאך רייצענד אונ קאקעטליווע (געפעהלוכטיג
דאס הייסט זיא האט נאך געהאט גענוג לוסט צוא מאכען זיך
געפעהליג) אום צוא צו אמוזירען איינעם לעבענס לוסטיגען נאטש :
אונ

פאדראציקעס וואס עס זייען עס אונזערע גרעסטע לייט טוען עס
אלע ווייל דענאצירען איינער דעם אנדערען און מאכען זיך
העכסט אונגליקליך און בלאמירען זיך און בייא אלעם דעם
ווערען זייא גאר. ניט רויט און פערלירען ניט זייער ווערט בייא
אונז אידען און עס שאדעט זייא ניט צו שידוכים נור ווייל
דער געשעפט טרעבעוועט עס:

ווען איין שיינעם מיידכען אדער איין שיינעם פרויען צימער
זאל בעהיטע גאט שערצען (זיך פריילך אונטער האלטען) מיט
איינעם אידעשען בחור אדער יונגען מאן ווערט זיא העכסט בעליידיגט
און עס ווערט איר שוין שאדען צו איינעם שידוך טוט זיא עס
אבער (ווען זיא האלט איין האנדעל מיט איינעם קריסטליכען
יונגען מאן מיט איינעם אפעציריל יונקער אדער מיט איינעם
שרעל אדער נור מיט אזו איינעם וואס נור ניט בעשניטען איז
הייסט עס בייא אונז אידען «אבריאה אמזיק צום געשעפט איינע
יעסט קאמי דאבריזען דאן» און האקט שוין אויס דורך דעם
אליין איין גרויסען שידוך אלזוא ווערט עס גאר איין מעלה ווייל
דער געשעפט טרעבעוועט עס:

אלזו מיינע טייערע לעזערין קורץ געזאגט אין פערלויף פון
איניגע יאר איז געווארען דער איציק לאהוויץ איינער פון אונזערע
שיינע בעלי בתים און זיינע פרויא האנא איינע פון אונזערע
ערענטליכסטע ווייבער און צוט צוט וואלט מען איר שוין גערופען
האנאלע דען מיר אידען גייען ניט מיט אונזערע טיטולען וויא
מיר האבען שוין געשריבען אין דער ערציילונג פון דעם קליין
שטעטעלשען נגיד · ווען זיא וואלט איהרע פרומע ראלע אויס
געפירט אין גאנצען זיא האט עס אבער ניט דען זיא איז מידע
געווארען צו זיין איטער פערמאסקירט און האט אן געהייבען צו
געבין איר הויז (צייט עס האבען אן געהייבען אירע קינדער איין
וואס אונטער צוא וואקסען) גאר איינע העכסט נייע מאדעשע
אויפצוג און האט זיך אן געהייבין צוא מאכען גילטיג בייא דער
נייער



נייער וועלט מיט גאנץ אנדערע מיטלען. אלס פריהער מיט
בורלאנטענע אבענדע מיט בעזוכע טיט אויס געטראכטע געבורטס
טאגע און אזו אויך מיט איינער גרויסען פרייגעביגקייט בייא
איינער קאלעקטע (נדבות קלייבען) וואס דיא נייע מאדעשע פלעגען
זייער אפט צוא מאכען און האט זיך אלזו געצייגט זיא און ער
העכסט הומאנעם (מענשען פריינדליך) און מער וואר ניט פאר
לאנגט פון איר פון דער נייע וועלט:

אלזוא מיינע טייערע לעזערין האב איך דיר פון זייערען
פאר דער וועלט שיין שיינענדען לעבען אזו פיל דער ציילט וויא
פיל מיר בהויכען צוא דעם ציל פון אונזערע אנפאנגס רייד דאס
הייסט «ווירטין און דינסט» נון וועלען מיר שוין אריין טרעטען
אויף אוויילע אין זייערען אינערען (אינווייניגסטען) לעבען וואס
מיר וועלען באלד דורך דעם אנשטויסען אן דעם הויפט אינהאלט
פון דיזער ערציילונג אן איינער דריטען פערזאן וואס איז בענאהע
דיא העלדין °) פון דיזער געשיכטע דיא גליקע · דיא דינסט פרויא
זייערע וואס מיר האבין איר נאך ביז אהער כמעט וויא נאך
ניט בעריהרט:

נור בעפאר מיר וועלען אהין (אין זייערען אינערען לעבען)
אריין טרעטען מוז איך דיר פריהער דער ציילען איין עטוואס
פון מיר דיין שרייבער זעלבסט · אלס איך וואר נאך דאן איין
גאנץ יונגער מאן איין קוים קעמט אפ געגעסענער אידעם און בין
אריין אין גאטעס וועלט אום ברויט צו זוכען וואס מיינע עלטערין
האבין זיך גאר ניט גיקימערט אום צו מאכין מיך פעהיג (שפאסאבנע)
דער צו דען זייאו האבען פערוועגדעט מיינע קינדישע יארען און
מיינע גוטע נאטירליכע גאבען (שפאסאבנאסט) מיט גרוים מיהע
און גרויסע קאסטען נור אויף אזעלכע למודיות וואס האבין העכסט
נעקענט

°) דיא פערזאן פון וועלכער עס האנדעלט איינע געשיכטע
ווערט זיא אן גערופען דער העלד פון דער געשיכטע:

געקענט מיך פיהרען צו דעם עלענדעסטען פראפעסיא; אין דער
וועלט דאס הייסט צוא מלמדות וואס איך האב געהאט צוא איר
דיא גרעסטע אבנייגונג פון מיינער קינדהייט אן דען איך האב
געזעהען וויא אונגליקליך און פעראכטעט עס האבען געלעבט
מיינע רביאים בין איך שוין געווען אלזו געצוואונגען צו לעבען
פון גנבות דאס הייסט פון אזעלכע זאכען וואס איך האב געמוזט
לערנען בגנבה זייענדיג ביא מיינע שוויגער עלטערין אויף קעסט
און דאס איז דיא טייטשע שפראכע און דיא העברייאישע דען
אין יענע צייטען ווארען דיזע ביידע זאכען העכסט פערפעהנט
פערקעצערט (פאר אפיקורסעט)׳ קוים האט מען זיך ערלויבט צוא
לערנען נור פסוק אבער קיין תנ״ך און דאס אויך בין מנחה למעריב
נור און דער זאגער אדער דער רבי פלעגט מיט זיינע פינגער
שפילען איבער דיא רש״י אידעש טייץ מצודת דוד וויא איינע אן
פאנגערין אויף דיא שטרונעס אדער טאסטען פון דעם פארטעפיאן °)
איך האב עס געלערנט וויא צו זאגען מיט לעבענס געפאהר אין
דעם איידעם סיילקע (עס וואר דאן דיא זיטע אין דיא קליינע
שטעט צו האבען אין בעזונדערע סיילקע פאר אין קעסט איידעם)
דען ניט פאר אונז געדאכט עס איז דארטין אין שטעטיל וואו
איך וואר אויף קעסט אנגעטאפט געווארין אין איידעם האלטענדיג
אתנ״ך

°) דאס ליבען און אכטען דעם תלמוד (גמרא) און
פערפיינדען און פעראכטען דעם תנ״ך איז צו פאר גליכען וויא
צוויא שוועסטער קינדער וואס זייען זיך זייער שטארק מקרב
איינער צו דעם אנדערין נור צו ליב דעם וויל זייא זייען צווישן
זיך קרובים און ווילין ניט קוקין אויף זייערע גרויס עלטערין
(באבעס און זיידעס) וואס נור צו ליב זייא זייען זייא קרובים
צווישן זיך׳ אזוא אויך איז אונזערע גאנצע שייכות צו דעם
תלמוד נור צו ליב דעם תנ״ך :



אתנ״ך האט ער דער פון פיל מעהר געליטען אלס אין אנדערער
וואס מען האט אים דער האפט מיט אין עבירה :

נון פערשטייט זיך דאס איך האב געמוזט בעהאלטען
מיינע ביכער און מיינע דיקצענערען וואס איך האב עס בעקומען
פאר שווער געלט וויא אין קאץ בעהאלט אירע קעצעליך פאר
דעם קאטס זאנסט וואלט מען עס פאר ברענען אויף דעם שול הויף׳
נור גענוג׳ איך האב שוין אזו פיל דער פון דער לערינגט פון דיזע ביידע
שפראכען מיט שווער נויט דאס איך האב געקענט געבין דאן
אונטער ריכט איינעם אנדערין אנפאנגער און האב מיך דורך
דיזעם פערשטוילענעם ברויט גענערט ביז איך בין געוואר געווארין
דאס קיין איר האט קיין געוויסעם צום לעבען און פאסירט דורך
זיין לעבין גאנץ פערווענען (מופקר דיק) וויא איינער וואס וואגט
זיך אריבער צו גיין איבער איינעם רייסענדען שטראם פאר פסח
שפרינגענדיג פון איינער קריע אויף דער אנדערע און האב עס
זייא נאך געטאן (אין שווינדלער גיווארין) און טוא עס איצונד
אויך און מיין ניט דאס איך לעבע פון דיינע פינף זעקס קאפייקעס
וואס דוא בעצאלסט פאר אין געשיכטעל׳ ניין איך האב דער
פון גאנץ ווייניג און שרייבע עס פיהל מעהר אוים ליבע צו מיינער
נאציאן אלס צוא מיינעם נוצען אדער אום מיינער עהרע ווילען
דען איך וויים דאס מאנכע פעראכטען מיך נאך דער פאר
און פערפענטען :

מיר האבין אונז שוין ווידער אביסעל פאר דעט אלזוא
צוריק צוא אונזער ערצייהלונג׳ איך בין געווארין אין פריוואט
לעהרער פון העברייעש און טייץ איך האב בעקומען שטונדען
אין גרויסע הייזער דען אונזער שטאט איז איינע פריידין פון
בילדונג שוין פון אונדיינקליכע צייטען און האב אלזוא בעקומען
אין שטונדע אויך ביא דעם ר׳ איציק לאחוין דען ער האט
געהאט איין וואוילען יונג פון נייז יאר און איך וואר דארטין
געווען אין הויז לעהרער אפאר יאר און האב אלזו געהאט גענוג
געלעגענהייט

געלעגענהייט צוא קענען זייער שטוב מיט אלע איהרע ביינער
מעהר אלס אין אנדערע קען עס קענען דען וויא געזאגט איז
אין דער ערציייהלונג פון דעם הויז לעהרער איז איין לעהרער אין
איין שטוב איין מיטעלדינג (סרעדנע ראר) אדר איין ממוצע צווישן
אדינער און איין הויז פריינט און איז אלזו אין פערבינדונג דארטין
(אין פערטרויאונג) מיט ביידע עקסטרעמען (לעצטען ענדען) דאס
הייסט מיט הערר און דאמע און מיט דיא הינערשאפט איך האב
דארטין אין הויז פיל עס בעמערקט גוטעס און שלעכטעס איך
וועל אבער וויינינ דער פון שרייבען דאס הייסט נור דיזעס וואס
צילט צו אונזער זאכע · זיא דיא האנא וויא זיא וואר שיין אזו
וואר זיא אויך קלוג אום צו שיינען פאר [illegible] גוטע ווען אויך זיא
וואר אין גרונד גאר אין גאנצען דער היפך דער פון זיא האט זיך
געשטעלט פיין נור דאן וואו עס איז איהר עהרע געשטאנען אין
וועג וואו אבער דיזער פאל וואר ניט האט זיא זיך אלעס ערלויבט
פלעגט אן צו קומען גראב וואר העכסט קאפריזנע נייציג אין
שווערע צאלערקע און וואר אלזו שפארען טראנערקע דער עיקר
אין דעם גאנצען הויז וועזען (פראוולענע) און דער איציק לאחרוין
וואס וואר פון כאראקטער ניט בעסער אלס זיא וואר איין פאנטאפעל
מאן (געהאט אקנאפע דעה ביא איר) און אין סך הכל וואר וויא
ביידען זייער לייכט אן צו זעהען נור פאר געמאכטע פאר פריש
געבאקענע נגידים אבער ניט פאר געפארענע אידעל לייטע עס
וואר עס אן צוא זעהען וויא פון זייער יעדען בענעמען זיך מיט
מענשען פון קליינעם קלאסע און אזו זעלבסט געגען מיך נור אויף
איינעם האב איך מיך ניט געקענט געניג אפ וואונדערען אויף
איר אידעלעס בענעהמען זיך געגען דער דינסט דיא גליקע
און אזוא אויך האב איך מיך ניט געקענט געניג אפ וואונדערען
אויף דיא אויפריכטיקייט געשעפטיקייט און טרייהייט פון דיזער
דינסט פרויא און טראץ (נגר) איהרע קאקעטעריא (געפאלוכט)
און איהר האלטען פון זיך זייער פיל דען וויא דיא טארהייט





צו זאגען האט זיא געשיינט צו זיין פון איין פיל שענערען שטאנד
אלס איהרע ווירטין וואר זיא דאך איר העכסט געדארכאם :
דיזע זעלטענע פערהעלטניסע (פערהאלטונג) צווישן אזו
איינער פערדארבענע געביטערין (ווירטין) וויא עס וואר דיזע
האנא און צווישען אזו איינע העכסט ביא זיך געהייבענע און
גאנץ קאקעטעשע דינסט פרויא וויא דיא גליקע וואר האט גערייצט
זייער שטארק מיינע נייע נירדע (לובא פיטסטווא) צוא דער גיין
דיא אורזאך דער פון דען פאר געוויס מיז דא וואס צו גרונדע פיל
מעהר ליגען אלס איינע בלויזע צופעלינע טענד האב איך ביא
מיר געטראכט דען נאך האב איך ניט געזעהען אז איין בראווען
בעטראגען צווישען דאמע און דינסט ביא אונז אירעז וויא דארטין
און האב מיך אונטער גענומען עס צוא ערפארשען און זייענד
דארטין אין שטוב אלס הויז לעהרער וואס איז וויא מיר האבען
שוין פריהער געזאגט איין מיטעלדינג (סרעדנע ראר) אדער אממוצע
צווישען דינער און געזעלשאפטער אין יעדעם שטוב וואו ער
ניט איינטערריכט און שטייט איטער אין איינער רעקשען (גראדען)
ראפארט (קאמונקאציע) מיט דער דאמע און מיט דער מאנר
האט עס מיר געשיינט פאר איינע לייכטיקייט עס צו דער גיין
איך האב מיך אבער גאנץ געאירט אין דיזער מיינונג מיינער דען
ביא יעדען מאל וואס איך פלעג מיך בעשפרעכען מיט דער
גליקען איבער איר זיין דא און איבער אלע איהרע איבעריגע
אומשטענדע און איבער איהרע ווירטין פלעגט זיא ווערען באלד
איינזילביג (פערשוויגען) און פלעגט זיך באלד ענטשולדיגען דאס
זיא האט קיין צייט מעהר צו ריידען דען זיא האט ארבייט און
פלעגט זיך ווירקליך באלד האפען צו היזליכע בעשעפטיגונג און
ניט בעסער איז מיר געגאנגען אין דיזער זאכע מיט דער דאמע
אויך דען וויא איך פלעג נור אן הייבען צו ריידען מיט איר וועגען
איר אליין אדער וועגען איהר דינסט פלעגט זיא שוין האבען
באלד איין פארטיגען אויס רייד וויא לויז צוא ווערען פון מיר

דאס האט זיא זיך דער מאנט דאס זיא האט איין גייטיגען גאנג
אונ דאס האט זיא וואס נייטיג צו טאן אונ האב אלזו פון זייא
ביידען דאס מינדעסטע ניט געקענט דער גיין וואס זאל בעפרידען
מיינע אייטעלע נייגעריר אונ איך העטע ניט געוואוסט פיליכט
גאך ביז איצונד ווען איך וואלט עס ניט דער גיין דורך איינע
אונגעריכטע פערזאן וואס האט מיר אויס געבריטעט אין ליכט
(אכוועדענע) איבער דיזע ביידע פרויען נאך מעהר אלס איך
האב געצוואונגען וויא איך וועל דא באלד דער ציילען :

אין איין צייט ארום אלס מיינע נייע נירדע האט זיך שוין
גאנץ אויס געוועבט אונ האב שוין גאר גוט געדרינקט צו זיין
מעהר איין סלעדאוואטעל פון דיזער זאכע האט זיך אן געהייבען
צו ווייזען אין קיכשטוב איינע געמיינע פרויא מיט איין אינגעל
פון איין יאר צעהען וויא האבען זיך געציינט נור אין קיכשטוב
אבער ניט איין מאל זיך געוואגט אריין צוא גיין אנטקעגען
דיזע ערשיינונג האט געדויערט שיינע עטליכע וואכען · אין
דיזער צייט האב איך שוין געהאט געגוג געלעגענהייט צו מאכען
איינע פליכטיגע בעקאנטשאפט מיט דיזער געמיינע אונ פרעמדע
פרויא דאס האט זיא מיך געגעבען צו איבער לייגען איהרען
איין בריף פון איר מאן אונ דאס צו שרייבען צו אים איין בריף
אונ דאס איך זאל פאר הערין דעם אינגעלע וואס וואר איין
זעלטענס קינד העכסט שיין אונ איין גרויסער בעל מוח אונ האט
שוין געלערנט גאנץ גוט גמרא עס וואר מיר איינע פריידע
צו פאר בריינגען מיט אים פלעג אים אויס קושען זיינע גלידער
אונ פלעג אים ביי יעדען מאל שיינקען איין לעקאך · אצוקערקע ·
אונ דיזע מיינע פעטערליכע בעהאנדלונגען דיזעם קינד האט
מיר געוואונען דעם גרויסען צוא טרויען פון דיזער פרויא וואס
האט אלזו מיט דער צייט אויס געשאטען איהר גאנצעס הערץ
וויא איך וועל דא באלד דער ציילען :

אין איינעם אזוונער עם וואר דאן שבת דארויסען האב
איך



איך קומענדיג אהין אין שטוב צוא דער לעקציאן גיט איינעם
פון זייא אלעטען דער וויסט אין דער היים דען זייא זיינען אלע
אוועק געפארען אויף איינער רייכען הויכצייט · דער הערר מיט
דער דאמע מיט ביידע קינדער אונ מיט דער גליקע צוא הויזע
איז געבליבען נור דיזע פרעמדע פרויא מיט דעם קינד אונ נאך
אפאר פאקטורים וואס פלעגען אפ צו היטען דעם האטעל · אונ
האב געהאלט אלזו אוועק גיין אהיים דיא פרעמדע פרויא אבער
האט מיך געבעטען אין גאטעס נאמען דאס איך זאל דא פערבלייבען
«איך בעט אייך רחמים» האט זיא צו מיר געזאגט דאס איר זאלט
אייער געוואונליכע צייט דא פערבלייבען טוט עס אום מצוה ווען
דען איך האב צו אייך איין גרויסעם צו טרויען אונ וויל מיך מיט
אייך מישב זיין איבער איינע זאכע דאס עס זאל עס קיינער
ניט וויסען :

איך האב עס איר באלד פערשפראכען אונ זיא האט מיך
באלד בעווירטעט מיט ציגארען וואס זיא האט שוין געהאט אין
בריטשאפט האט מיר ערשאפט טייא אום עס זאל מיך ניט
לאנגווייליגן אונ האט אויס גערעט פאר מיר וואס איך האב
געוואונצען פון לאנג אן שוין צו וויסען «מיינט ניט מיין פריינד»
האט זיא זיך אפ גערופען צו מיר דאס איך בין אפאטלעדגע איך
בין פון צו הויז איינע גרויסע באלעבאסטע האב איין מאן איין לייט
איין חכם מיר זיינען ארענדארעם אונ זיצען אין אגרויסע קרעצמע
ניט ווייט פון קיעוו לעבען פאצטאוועז טראקט :

פאר איין יאר צעהען צוריק אין איינער שטורמעשע ווינטער
נאכט איז פערפארען צוא מיר אין קרעצמע אשליטען מיט איין
גרויסע שיינע בויר וואס וואר געשפאנט מיט איין שיינע טרויקע
מיט אקריסט איין פורמאן וואס עס זייען ארויס פון איר אשיינע
ווייבעל וואס וואר זייער רייך געקליידעט מיט איין שיינע רינקט
ווייבעל וואס וואר פיל איגער פאר איר אונ האבען זיך אם
געלעקעלט נעקסטינגען ביי מיר · דער פורמאן האט אריין געטראגען
אשיינעם

אשיינעם שעפעט זאכען אונ האט אן געהייבען אוים צו שפאנען דיא פערד · מיין מאן האט זייא ביידען באלד דער קאנט ווער זייא זייען „דאס איז דיא בעריהמטע גליקע" האט ער צוא מיר געזאגט „דעם ר' הלל קורקעמייערס טאכטער וואס האלט דארטין אין קורקעמייע דעם גרויסען פריצעסען האטעל אונ דיא אינגערע איז עס איר דינסט איך קען זייא ביידען זייער גוט איך וואר בייא איר אין האטעל עטליכע מאל מיט אפאר יאר צוריק · דיא דינסט ווייבעל וואר נאך דאן איין שיין מיידעל · דיזע יונגע פרויא גליקע איז זייער רייך אונ איז אגרויסע בריאה אונ האט אמאן אגאנץ פיינעם מענטשען ער איז אבער צו קלויזנעוואטע פאר איר אונ זיא לעבט מיט אים זייער שלעכט אלזוא מיינע פרויא זאל מען איר דא זייער שיין בעהאנדלען" :

איך האב איר באלד אפ געגעבען איין בעזונדער צימער אויף געשטעלט דעם סאמעוואר מיין מאן האט איר זייער פריינדליך געגריסט דען זיא האט אים אויך געקאנט ער האט איר געפרעגט וואו הין זיא פארט אונ זיא האט אים גיענטפערט דאס זיא פארט קיין קיעוו · נאך איינעם קורצען געשפרעך האב איך זעלבסט ארייין געטראגען איר אפארטיגען סאמעוואר אונ האב איר געפרעגט צו זאל מען וואס קאכען פאר איר עסען „פון עסען איז גאר קיין רייד" האט זיא מיר גיענטפערט דען איך בין יעצט גאנץ אומוואויל מעהר וויא טייא קען איך ניט געניסען אונ האט זיך באלד דארויף געלייגט אויף דעם בעט איך האב צוא געלייגט דיא טיר אונ בין ארויס פון צימער · אין אפאר שטונדען ארום איז ארייין צוא מיר דיא דינסט ווייבעל אונ האט מיך געפרעגט צו קען מען דא ניט בעקומען אקוסערקע אונ אויף מיינער פראגע „פאר וועמען ברויכט איר עס ?" האט זיא מיר גיענטפערט איך גלויבע דאס מיינע דאמע זאל ניט ווערען דא בייא אייך איינע קינד בעטערין (קינפעטארען) דען זיא איז אויף דער צייט אונ עס נעמט איר וויא צו קינד · „איינע קוסערקע איז דא ניט צו בעקומען" האב

איך



איך גיענטפערט נור איינע גוטע הייבען איז צוא בעקומען דא אין הויף „פאר נויט איז עס אויך גוט" האט זיא מיר גיענטפערט אונ האט מיך געבעטען דאס מען זאל איר ברענגען וואס צום גיכסטען · איך בין באלד געלאפען אין הויף וואס וואר דער בייא האב איך איהר געבראכט עס איז געגאנגען כשורה אונ זיא האט אין דיזער נאכט געהאט איין אינגעל · אויף מארגען האט מען דיא פור אטפראוועט אונ זיא איז געבליבען ליגען בייא מיר אין קינפעט אונ האט זיך פערזאמט בייא מיר אוואך דרייא איך האב איר אין דיזער צייט צוא געזעהען וויא איינע איינענע טאכטער איך האב איר באלד פערשאפט איינע אמע אונ זיא האט זיך מיט דעם קינד העכסט געפרייט :

אויף דער פערטע וואכע האט זיא ארייין גערופען צו זיך אין צימער מיך אונ מיין מאן זיא האט אונז זייער שטארק געדאנקט פאר אונזערע פעטערליכע אונ מוטערליכע בענעהמען געגען איר זיא האט אונז זייער שיין בעפרידיגט פאר אונזער מיהע אונ בעצאלט זייער האנעט פאר אלע קאסטען אונ דער נאך האט זיא ארויס גענומען איין פופצין רובילדיגע סיגנאצע אונ האט אונז געגעבען אויף הוצאות אונ אויף אם געלט פאר דאס קינד · איך מוז דא דאס קינד לאזען ביז איבער פסח האט זיא צו אונז געזאגט איך קען עס איצונד ניט מיט נעמען · ערסטענס וויל עס איז ווינטער דיא רייזע אהיים איז וויים דער וועג איז שלעכט · אונ צווייטענס מוז איך מיך נאך פערזאמען אין קיעוו בייא אפאר מאנאטען דען איך האב דארטען איין צו מאנען איין גרויסען חוב איך האב געמיינט געלעגען צוא ווערען אין קיעוו נון האט מיך גאט דא דער האלטען · געלויבט אבער איז זיין נאמען דאס ער האט מיך ארייין געבראכט אין אייערע הענט דען איר האט מיך בעהאנדעלט פיל בעסער אלס איך האב מיך פארגעשטעלט · נאך פסח וועל איך זעלבסט קומען אום אפ צו נעמען דאס קינד אונ וועל וויסען וויא צוא דאנקען אייך

פאר

פאר אייער השגחה איף דיזעם קינד אונ בעט אייך אלזו קיינע
מיהע אונ קיינע קאסטען צו שפארען דען דאס קינד איז נור איינער
ביא מיר אונ איז מיר ליבער אלס מיין לעבען אונ מיר וואס
מיר זייען ווירקליך גאנץ איינפאכע אונ ערליכע מענטשין האבין
דיא פופציג רובילדיקע צו גענומען ביא איר מיט דעם קינד אונ
האבען איר פערשפראכען צו ערפילען איהרעם וואונץ;

באלד דארויף האבען מיר איר פערשאפט איין גוטע פור קיין
קיעוו האט זיך געשיידעט פון אונז זייער פריינדליך זיא האט דאס
קינד בענעצט מיט איהרע טרערין אונ ניט שווערער קען זיך
שיידען דיא נשמה פון גוף וויא זיא האט זיך געשיידעט פון אים
אונ איז זיך מיט איהר דינסט ווייבעל אוועק געפארען מיר האבען
אונזער פערשפרעכען העכסט טרייא ערפילט מיר האבען דיא אם
געצאלט דרייא רובל איין מאנאט געגעבען אויף זייף אונ ליכט
אונ פלעג עס בעזוכען אלע טאג דען דיא אם; האט געוואוינט
ניט ווייט פון מיר אונ מיר אלע אונזערע האבען דאס קינד
העכסט ליב בעקומען וויא איין אייגענעם. דער ווייל איז זיך
דער ווינטער איבער געלאפען עס איז זיך דער פסח אויך אוועק
עס איז געווארען זומער אונ דיא מוטער אבער איז ניט געקומען
צוריק אום אפ צו נעמען איהר היים געליבטעם קינד מיר האבען אפ
געווארט ביז שבועות אונ עס וואר נאך אלץ קיין שפור פון איר
צו זעהען. מיין מאן האט געשריבען קיין קיעוו אויף איר אדרעססע
אונ עס וואר קיין אנטווארט פון איר צוא בעקומען מיר האבען
געשריבען נאך איין מאל אונ איין דריטען מאל אונ עס וואר
אין קול ואין עונה מיין מאן איז אריבער געפארען קיין קיעוו אונ
האט דארטין געמאכט איינע שטארקע נאכפראגע נאך איר קיין
איינציגער אבער האט געקענט אים איין בעשייד געבען. דער
ווייל איז זיך איבער געלאפין דער זומער אונ דאס קינד האדעוועט
זיך אז צער אויף אונזער רעכענונג וואקסט זיך צו פון טאג צו
טאג אונ אזוי אויך אונזערע ליבע צו אים. קורץ דער פון עס
איז



איז זיך אזוי איין רונדעס יאר איבער געלאפען. אונ דאן איז
זעסט געבליבען ביא מיינעם מאן אריבער צוא פארען קיין
קורקעמייע וויא אויך עס וואר אהין גאנץ ווייט ער האט עס
אבער פערשפארט דען ער האט זיך דער וויסט דורך פילע
בעקאנטע פריצים דאס דיא גליקע האט דעם האטעל שוין מעהר
אלס איין יאר איינעם אנדערען איבער געגעבען אונ וואוינט שוין
דארטין ניט אונ דאס מען ווייס גאר ניט וואו זיא איז אין דער
וועלט אלזו איז דער אינגעל געבליבען היינגען אויף אונז ביז
דיזען יאר. אונ מיין מאן האט אים ערצויגען וויא אונזער אייגענעם
קינד געלאזט אים לערנען צו גלייך מיט אונזערע צוויא אינגלעך
אונ מיין מאן האט אים זייער ליב געהאט דען ער האט איין זייער
גוטען קאפ. ער איז אחכם. אונ איין גאנץ שיינער אונ מיר האבען
אלזוא אלע געקוואלען פון אים. א מעכטע עס שוין אזוא אויף
אימער געבליבען צו אונזערעם ליידוועזען אבער האבען מיר אונז
היינטיגען יאר דער וויסט וואו זיינע מוטער איז אונ דער צו נאך
איין שרעקליכעם פערברעכען איין דאפעלטעם פערברעכען דאס
איך שרעק מיך עס פון מיינעם מויל ארויס צוא שפרעכען עס
האבען אונז מענשען פון קורקעמייע דער ציילט פרומע אונ גוטע
לייט דאס מיט איאר פריהער אלס דיא גליקע איז אוועק פון
קורקעמייע דאס הייסט מיט איאר עלף צוריק האט זיא זיך מיט
איר מאן וואס זיא האט אימער שלעכט געלעבט מיט אים אין
איינער נאכט זייער שטארק צו קריגט אונ עס איז אזוא ווייט
געקומען דאס ער האט איר געשטראפט דאס ער וועט איר
העכסט אונגליקליך מאכען זיא האט זיך אבער זייער שטארק
אויס געלאכט פון אים דוא ביזט איין לעמעל (איין ניכטס) האט
זיא צו אים געזאגט „מעכטע איך אזוי מורא האבען פאר מיינע
זינד וויא איך האב מורא פאר דיך" קורץ דער פון עס איז אזוי
ווייט געקומען דאס עס איז געקומען צוא איין געשלעג אונ ווען
ניט איר דינסט מאד האנקע וואס וואר שוין ביא איר עטליכע
יאר

יאר אונ איר חתן איצקע לאחוויץ וואס וואר אין איר האטעל אין קעלנער (פראוולאיעסצע) וואלטען זייא ניט פון איינאנדער רייסען וואלטען זייא זיך דיא נעזער אפ געביסען ;

דיא הויפט אורזאך פון זייער שלעכט פערטראגען זיך מיט איינאנדער וואר ערסטענס (וויא מיר האבין שוין פריער גישריבין) דאס ער וואר צו קלויזנעוואטע פאר איר · צווייטענס וואס זייא האבען קיינע קינדער געהאט (אונ וויא מען ווייס וואר דיא מניעה פון אים) · דריטענס וייל דער מאן האט ניט געליטען דעם איצקע לאחוויץ וואס וואר קעלנער (פראוולאיעסצע) פון האטעל וייל זיינע פרויא האט אים גאר ניט פיינט געהאט ; נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס דער לאחוויץ האט אים צוריק נאך מעהר פיינט געהאט · אלזו גענוג שטאף (מאטעריע) אום צוא שטערען איינען הויז פרידען אונ פון אלעם דיזען האט מען דארטין אין קורקעמיע וואס איז אמיטעלע שטאט זייער גוט געוואוסט אונ וייל אזעלכע אויפטריטע (שצענען) וויא עס וואר דארטין אין דער לעצטע נאכט וואס איך האב אייך דער ציילט וואר דארטין וויא צוא זאגען פון טאגעס ארדענונג (פון פאריאדעק וועדצייא) האט זיך דיא גליקע גאר ניט געמאכט דער פון אונ איז זיך געגאנגען רוהיג שלאפען אונ אויף מארגען אין דער פריא האט זיא דער לעבט אין נחמה אדער בעסער צו זאגען דיא פריידע געהאט צוא דער וויסענדיג דעם מאן אין עטוואס אונפאס ניט געזונט אונ זיא איז זיך גאנץ רוהיג אוועק געפארען פאר עטליכע מייל צו איינעם געוויסען פריין וועגען געשעפט. זאכען זיא האט זיך אויף דיזער קליינע רייזע פערזאמט אפאר טעג · אונ קומענדיג אהיים האט זיא דער וויסט אזו איינע פערענדערונג וואס האט איר אומגליקליך געמאכט אויף איר גאנצען לעבען ;

זיא האט דער וויסט אויף געריסען אדער בעסער צו זאגין אפ גישלאגין איר טייערין סעקרעטאר (איינע ארט הויכע מאהאגאנע קאמאדע) אונ עס וואר ארויס גענומען איר גאנצער קאפיטאל אין

פערמעגען



פערמעגען פון ארענדלעך פינף זעקס טויזענט אונ דיא צירונג איהרע אונ נאך פיל טייערע זאכען אונ פיל טייערע שפיגלען אונ אנדערע מעביל צו בראכען אונ צו שטאכען אונ איר מאן איז ניט דא שוין דעם אנדערען טאג · אלזו וואר ביי איר אונ ביי אלע אנדערע פאר איינע אויס געמאכטע זאכע דאס דיזעס איז קיינעס אנדערענס מלאכה אלס איר מאנס בפרט נאך מען האט מיט אפאר טעג פריער געהערט פון אים אזעלכע דיבורים דא דאס ער וועט איר אומגליקליך מאכען צייט זיא וועט לעבען אלזוא האט מען אן געהייבען צוא זוכען אים אויף אלע שטראזען אונ אין אלע געהיימע ערטער · עס וואר אבער קיין שפור געוועזען צו זעהען אונ צו הערען פון אים אלזוא מיין בעסטער פריינד גאנץ גענוג שלעג אום איינע ווייבס פערזאן אומגליקליך צו מאכען אום איהר מוט צוא ביינגען דען וואס קען נאך שלימער זיין אלס וויא צוא ווערען אויף איין מאל אין ארעם מענש אונ נאך איינע איבינגע עגונה דער צוא דאך וואלט עס נאך דיזע גליקע דיזע אונפעלע איבער לעבען · דען זיא וואר איינע טעכטיגע פרויא זיא וואלט זיך ביי איר האטעל געשעפט דער האלטען אונ וואלט אים נאך געפיהרט פיליכט ביז איצונד · ווען עס וואלט זיך ניט צו געצעפעט דער צו נאך איין אומגליק · איין אומגליק וואס זיא האט געמוזט צו ליב אים איבער געבין דעם געשעפט צו איינעם אנדערין פאר איין גוטעס אבטרעט געלט · זיא האט זיך אנגעהייבען צו פילען אין עטליכע מאנאטען נאך איר מאנס אנטלויפען דאס זיא איז שוואנגער אלזו וואר איר שוין איינע אונמעגליכקייט צו פערבלייבען אין קורקעמיע דען זיא וואלט דארטין דיא שאנדע ניט קענען איבער לעבען · אונ וייל זיא וואר אין שטאט גאנץ עלענד דען איהרע עלטערען ווארען שוין טויט אונ דער צו נאך געהאט פיל שונאים האט זיא ניט געהאט אלזו קיינעם אנדערען וועמען צוא פערטרויען איהרע שלעכטע לאגע וויא נור איר ריגעם דער דאנקען וואס וואר שוין פערטרויט אין נאך פיל איהרע געהיימנים

אונ

און אזו זיא אין איהרע געהיימניס און וואס וואר פערהייראטהעט שוין מיט דעם לאחוויץ ;

דיזע ביידע האנקע מיט איר מאן לאחוויץ האבען איר געראטהען דאס זיא זאל דעם האטעל איבער געבען איינעם אנדערען נור מיט דעם בעדינג דאס ער זאל בלייבען קעלנער אויך ביא דעם נייעם האטעלסציק · זאל נעמען איין גוטעס אבטרעט געלט ביא אים און זאל אים פערקויפען אויף גאר דיא מעביל דאס אחת לאחת וועט איר בלייבען אפאר טויזענט קערבליך און זאל זיך אוועק פארען קיין קיעוו אום גידער צוא קומען דארטין (אין קינפעט ליגען) און צו גלייך לויז ווערען פון דעם נייעם געבארענעם גאסט אויף וואס פאר איין ארט עס איז · דיזער ראט איז איר העכסט געפעלען דען זיא האט פריער אויך אזו געריינקט דאך האט געדויערט דיזע אום פיהרונג פון דיזען פלאן ביז דעם ענדע פון דעם אכטען חודש פון איר שוואנגערשאפט און האט אלזו ניט פאספייעט צו פערפארען קיין קיעוו וואס וואר נאך צו פארען אמייל פופצעהען און האט אלזו איינגעקערט צו מיר מיט דער האנקען וואס וואר איהרע איינציגע בעגלייטערין נאך אויף דיזער רייזע אלס דינסט פרויא · און האט מיר געלאזען דיזען אינגעל אויף איינעם צעהען יארינען אנדיינקען ;

אויך וואר אונז דער ציילט דאס דיא דינסט ווייבעל וואס האט זיך באלד אום געקערט צוריק קיין קורקעמייע צו איר מאן האבען זיך דער האלטען ביא דעם נייעם האטעלסציק גאנצע צוויא יאר ער אלס קעלנער זיא אלס פאקטארקע און דער נאך אלס מען האט זיך גענומען דארטין צו ראפערירען אטיפען פוסטען ברונעם וואס וואר אין דעם הויף פון דיזען האטעל זיינען זיא ביידע מיט זייערע צוויא קליינע קינדער פלעצליך איבער איינע נאכט פערשוואונדען געווארען פון קורקעמייע · זיא זיינען אוועק אזו געשווינט דאס זיא האבען ניט פאספייעט צו פערקויפין זייערע מעביל און דאהער אלס מען האט געפונען אין דעם ברונעם איין





צוא פוילטען מענשען האט מען אן געהייבען צוא האבען איין פערדאכט דאס דיזער טויטער איז קיין אנדערער וויא נור דער גליקעס מאן און דאס דער לאחוויץ מיט זיינער פרויא וואהרען זיינע מערדער און דאס גליקעס פערמעגען איז געבליבען נור ביא זייא און מען האט שוין אויך רעכט גיהאט צו גלויבען דאס דער לאחוויץ וואר דער פאטער פון דער גליקעס קינד וואס דאס איז דער אינגעל וואס איך האב אים ביא זיך · און פאר געוויס האט ער עס געטאן מעהר דארום אום דאס דיא גליקע זאל אנטלויפין פון קורקעמייע מעהר אלס אום הוילע לוסט צוא איר · עס וואר אבער גימאנד וועד עס זאל עס פאסלעדעווען און זייען אלזו געבליבען פערשווינט דאס דיזער חשד איז אבער מעהר אלס געוויס איז עס ארויס צוא זעהען פון זייער גרויסען רייכטום דען באלד דארויף דאס הייסט נאך זייער אנטלויפען האבען זייא זיך בעזעצט אין איילון און האבען אן געהייבען צו שפילען איינע גנידעשע ראלע · אלזו איז עס געוויס דאס דאס גליקעס פערמעגען איז ביא זייא געבליבען ;

דיא גליקע האט זיך אום געוועלגערט אין נאטעס וועלט אפאר יאר ביז זיא איז געבליבען אן איין גראשין · דען מעהר אלס טויזענט רובילנהאט מען ביא איר געגאנוועט דאס איבעריגע איז אוועק געגאנגען און איין געטליכער צוא פאל האט איר פערווייהעט קיין ליגאווע וואו זיא האט אנגעטראפען דיא האנקע מיט דעם לאחוויץ אריין פארענגדיג אין שטאט וויא האבען איר אבער אן גענומען זייער קאלט און האבען איר אלזו מעהר אום קאלטער קלוגהייט אלס אום מיט לייד אריין גענומען צו זיך אין שטוב דאס הייסט אין זייער האטעל וואס זייא האבען דא באלד געמאכט קליימערקס אלס גוטע פריינדין און באמת אבער אלס דינסט ;

דיזעס אלעס בין איך מיט מיין מאן אלץ דער גאנגען אויף קלאר דען איין וועלט שלאפט ניט מיר האבען אונז דער

וואוסט דער פון אין דיזעם יאר · אלזו איז עס דיא געוועזענע
דינסט האנקע דיא איצטיקע מאדאם האנא איצקע לאחוויץ דער
קעלנער דער איצטיקער ר׳ איציק לאחוויץ אונ דיא געוועזענע
רייכע אונ פארנעהמע מאדאם גליקע דיא דינסט אונ דיזער
איננעל וואס איך האב מיט געבראכט דעם איצקע איז איין
ממזר · איך האב מיט זיך פאפירען פון דיא מוהלים אונ פון נאך
מענשען וואס ווארען ביים דער מילה · דאס דיזער איננעל וואס
הייסט הלל נאך איר פאטר · בן ישראל וואס אזו האט געהייסען
איר מאן · איז געבאהרען בייא מיר אין קרעצמע אין דעם אונ
דעם יאר פון איינער פרויא וואס הייסט גליקע בת ר׳ הלל אשת
ר׳ ישראל · נאיך האב עס מיט דאמיט זיא זאל זיך ניט קענען
לייקענען אונ זאגען דאס דאש איז ניט איר קינד זיא האט זיך
אבער ניט געלייקענט פאר מיר האט אן גענומען דאס קינד פאר
איין גוטען נאמען זיא האט זייער שטארק געוויינט פאר מיר אונ
האט מיר דער ציילט דיא ווארהייט דאס דער לאחוויץ איז זיין
פאטער אונ דאס זיא איז אים שטארק אויך חושד דאס ער וואר
דער מערדער פון איר מאן אונ צו גלייך דער רויבער פון איר
פערמעגין · ערסטענס שליסט זיא עס פון זיין גרויסען אייגענס
אונ צווייטענס ווארען שוין דא אפאר מאל דאנאסציקעס פון
קורקעמייע וואס האבען גענומען דעם גראסען פון אים אונ האבען
איר אלזו גענוג דייטליכע וויגקע דאריבער געגעבען זיא האט
זיך פאר מיר מתודה געווען דאס זיא האט איר שיקזאל צו זיין
אדינסט גאנץ כשר פערדינט ביים גאט דען זיא פלעגט זייער
שלעכט בעהאנדלען איהרע דינסטען אלזוא טו זיא זיין איינע
טרייע דינסט ביים איהרע אדינסט :

אלזו מיין ליבער פריינט גיט מיר איין עצה וויא זאל איך
מיך דא בעגיין · ערסטענס וויל איך בעצאלט ווערען פאר
הארעווען אים גאנצע צעהען יאר אונ זיא דיא מוטער איז עס
גיט אין שטאנדע · זיא איז דאך ארעם · צווייטענס וויא אונטער





אונז גערעט איז דאך דאס קינד איין ממזר טאר ער דאך ניט
נעמען קיין בת ישראל האט מיר מיין מאן פערזאגט דאס איך
זאל עס מעלדען ביים דיא מורי הוראות פילייכט איז דאטואם
דאס איך זאל מיט דעם לאחוויצען זעלבסט שפרעכען דאריבער
ער וועט זיך געוויס ניט לאזען בלאמירען אונ וועט מיך פאר
געוויס פערגיטען :

„איך בין צו יונג אונ ניט אזו ווייט קלוג צו ראטהען אין
דעם“ האב איך גיענטפערט אם בעסטען וואלט געווען דאס דיא
מוטער זעלבסט זאל מיט אים דאריבער שפרעכען דען וויא אויך
ער מעג זיין פערדארבען אזו אויך איז ער קלוג „איך וועל אייך
דיא ווארהייט זאגען“ האט זיא זיך אפ גערופען צוא מיר איך
ציטערע דא פאר דאס קינדעס לעבען איין קשיא אויף אזו איין
געוויסען לאזען מענשען ער קען אים גאר פערניכטען אונ איך
ליב אים וויא מיין לעבען דען איין ממזר איז דאך אויך איין
מענטש אונ איין איד מיין מאן האט מיר געזאגט דאס איין ממזר
איין למדן איז פיל טייערער אלס איין כהן גדול איין עם הארץ ·
איך היטע אים דא דיא גאנצע צייט וויא מיין אויגאפעל „אלזוא
איז מיין ראט“ האב איך איר גיענטפערט ווען דיא מוטער מיינט
גוט מיט איר קינד זאל זיא זיך גאר ניט שעמען פאר אים אונ
זאגען אים וואס זיא ווייס אונ דראהען אים (שטראפען) דאס באם
ער וועט איר ניט פערזארגען מיט דעם קינד וועט זיא אים איין
פראצעס מאכען :

איך ווייס ניט מיינע טייערע לעזערין צוא דיזע פרויא
האט געפאלגט מיין ראט צו גיין · עס איז אבער דיזער אינטערעס
אפ געלאפען זייער שטיל ער האט דיא פרויא באלד נאכהער
העכסט בעפרידיגט אונ זיא איז אוועק געפארען גאנץ גוט
פריינד · אונ באלד נאך איר אוועק פארען וואר דיא גליקע אפ
געשאפט מיט איר זון פון שטוב אונ איז אוועק פון ווייא פאר
געוויס אויך ניט מיט ליידיגע הענט · זיא האט זיך מיט מיר

גֶעזֶעגֶענְט אוּנ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְטִי צוּ זִיא הָאט גֶעוואוּסְט דָאס
אִיךְ וֵויים וֶוער זִיא אִיז אוּנ וָוארוּם זִיא וֶוערְט עֶנְטְלַאסֶען דָאס
וֵויים אִיךְ נִיט אוּנ וואוּ הִין זִיא אִיז אַוֶועק וֵויים אִיךְ נִיט נוּר
אִין אַלֶען אִיז זִיא גֶעוִוים נִיט פֶערְבְּלִיבֶּען אוּנ אִיךְ וֵויים נִיט עַד
הַיּוֹם וָואס עֶס אִיז פוּן זֵייא בֵּיידֶען גֶעוָוארֶען :

אִין אַפָּאר חֳדָשִׁים אַרוּם בִּין אִיךְ אָפּ גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען פוּן
דֶער שְׁטוּנְדֶע ׳ אוּנ בַּאלְד דַארוֹיף אִיז דִיזֶע פַאמִילְיֶע אָפּ גֶעפָארֶען
פוּן אַלֶען ׳ פַאר גֶעוִוים וַוייל עֶס הָאט זֵייא נִיט גֶעלוּינְט צוּא
פֶערְבְּלַייבֶּען דָא וַוייטֶער ׳ זֵייא וַוארֶען אִין בֶּעגְרִיף אַוֶועק צוּא
פָארֶען וַאנְדֶערְנִיצֶע ׳ דִיא גֶערֶעכְטֶע הַאנְט גָאטֶעס אָבֶּער הָאט זֵייא
בֶּעשְׁטְרָאפְט בֶּעסְפָּאר זֵייא הָאבֶּען נָאךְ אִיבֶּער שְׁרִיטֶען דֶעם גְרֶענֶעץ
דֶען זֵייא זֵייעֶן אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין דִיא הֶענְט פוּן דִיא גַאלָאטְקֶעס
אֵיינֶע רוֹיבֶּער בַּאנְדֶע וָואס הָאבֶּן דַאן גֶעטְרִיבֶּען זֵייעֶר בְּלוּטִיגֶע הַאנְד
וֶוערְק אִין יֶענֶעם גֶעגֶענְד אוּנ הָאבֶּען זֵייא אַלְזוֹא עֶרְמָארְדֶעט בֵּיז
אֵיינֶעם ׳ אַזוֹא וִוידֶער אֵיין בֶּעוַויז דָאס מֶענְשְׁלִיכֶע בְּלוּט שְׁוַויינְט
נִיט ׳ אוּנ צוּא גְלַייךְ אֵיין שֵׁיינֶער בַּייא שְׁפִּיל פַאר בֵּיידֶע צְדָדִים
אֵיינֶע שֵׁיינֶע דְרַאמֶע ׳ פַאר מַאנְד אוּנ דַאמֶע :